ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# תפארת צדיקים

אידיש

641

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# תפארת צדיקים

דאָ ווערט ערציילט זעהר שעהנע וואונדערליכע
געשיכטען פון די גרעסטע צדיקים אויף דער וועלט

פון

רבי ר' פנחס'ל קאָרעצער ז"ל
„ ר' מיכעלע און זיינע פינף
זוהן ז"ל.
„ מיכעל'ס ווייב די רבי'צן
„ דער אפטער רבי ז"ל.

דער קאָזניצער מגיד ז"ל.
דער טשאָרטקיווער רבי ז"ל
רבי ר' מענדילע רומאַנאָווער
זצ"ל
„ „ ישראל'טשי רוזינער ז"ל

אויך אַ מעשה נוראה פון די יודן מיט'ן סולטאַן און דער טערקיי

דער רבי ר׳ זישע ז״ל האט געהאט א חסיד אן איש פשוט, וועלכער פלעגט אים באזארגן מיט אלעם נויטיקן צום לעבן. מיט אמאל האט דער איד געהערט, אז דער רבי ר׳ זישע אליין פארט צו א צווייטן רבין — זיין ברודער דער רבי ר׳ אלימלך ז״ל. טראכט דער איד ביי זיך: אויב אזוי, אויב דער צווייטער איז נאך א גרע־סערער רבי, וועל איך בעסער פארן צו אים און אים געבן די מתנות. געטראכט און געטאן. ער האט אויפגעהערט שטיצן דעם רבין ר׳ זושא און דאס געלט געגעבן דעם רבין ר׳ אלימלך.. מיט אמאל האט זיך די הצלחה אפגעטאן פונם איד. מיט יעדן טאג איז זיין פרנסה געווארן שוואכער. איז ער געקומען צולויפן צום רבין ר׳ זישען מיט א טענה: — וואס פאר אן עבירה האב איך געטאן אויב כהאב בע־סער געוואלט מיט מיין געלט מהנה זיין דעם רבין, וואס איז אויך אייער רבי?

זאגט צו אים דער רבי ר׳ זישע:

— הער אויס מיין קינד: אז דו האסט געשפייזט זישען, הגם ער איז עס נישט ווערט געווען, האט מען אויך אין הימל נישט גע־קוקט אויף דיינע מעשים און דיר געגעבן פרנסה בשפע, ווי באלד אבער דו האסט באשלאסן צו געבן נאר אזעלכן, וואס איז ווערט, טוט מען אין הימל אויך אזוי...

דער שפאלער זיידע ז״ל פלעגט זיך נוהג זיין צו געבן צדקה יעדן איד, אפילו דעם פחות שבפחותים, ווי א גנב למשל. האט מען אים אמאל געפרעגט: סטייטש רבי, ווי גיט מען עס אוועק צדקה־געלט אזעלכע מענטשן קאסע־ברעכערס? האט דער שפאלער זיידע געגעבן א שמייכל און געענטפערט: נישקשה, מען האט פון זיי אויך נוצן. אויב מען פארשליסט פאר מיר אמאל אין הימל די שערי רחמים, וויל דער וואס דארף געהאלפן ווערן, איז נישט ווערט די הילף, דאן שיק איך מיינע חברה־לייט, וואס איך גיב זיי צדקה כאטש זיי זיינען עס נישט ווערט, און זיי ברעכן שוין אויף די שערי רחמים...

(שדה מרגליות)

# װאונדערליכע געשיכטע פון הרה״ק ר׳ פנחס׳ל מקאריץ זצ״ל.

אַ חסיד פון הרב ר׳ פנחס מקאריץ׳ס חסידים האָט זיך געפינען אין אַ שלעכטע לאַגע, ער האָט געהאַט דריי טעכטער חתונה צו מאַכען און נישט געהאַט קיין גראָשען געלד, האָט ער זיך מישב געווען, אַז ער זאָל אַרומפאָהרען אין די יודישע שטעדטליך צווישען זיינע בעקאַנטע צו זאַמענצו=קלויבען אַ סומע געלד אויף חתונה צו מאַכען זיין עלטסטע טאָכטער האָט זיך געטראָפען, דאָס פאַרנאַכט איז ער אָן געקומען אין אַדאָרף ער איז אַריינגעגאַנגען נעכטיגען אין אַ יודישע קרעטשמע, האָט ער דאָרט געזעהען ווי דעם קרעטשמער׳ס זוהן דרעהט זיך אין דער שטוב הין און צוריק און רעדט צו זיך אַליין; די ווערטער; רבונו של עולם, אויב דו האָסט בעשאַפען דעם מענש, צו וואָס האָסטו בעשאַפען דעם יצר=הרע, און אויב דו האָסט בעשאַפען דעם יצר=הרע צו וואָס האָסטו ווידער בעשאַפען דעם מענש? אַזוי האָט ער פאַר זיך אַליין גע׳טענה׳ט, דער חסיד האָט דאָס אַלעס אויסגעהערט און זיך שטאַרק געוואונדערט דערויף ווען דעם קרעטשמער׳ס זוהן האָט בעמערקט דעם חסיד איז ער צו איהם צוגעגאַנגען און איהם שלום געגעבען, דער חסיד האָט מיט איהם אָנגעהויבען צו שמועסען, און איהם דערצעהלט מעשיות פון היילינע צדיקים, בעזונדער׳ס פון זיין רבי׳ן ר׳ פנחס זצ״ל, דעם יונגער מאַן האָט זעהר גערן דאָס אויסגעהערט, ווען עס איז געקומען די צייט פון נאַכט=עסען האָבען ביידע צו זאַמען געגעסען, דעם קרעטשמער מיט די פאַמיליע, איז די זאַך זעהר געפאַלען געוואָרען, וואָס דורך די רייד פון אורח איז זייער זוהן אַביסעל מוטהיגער געוואָרען וואָס ער איז ביז יעצט אַרומגעגאַנגען אַזוי מרה=שחורה׳דיג און ער האָט גאָר נישט געגעסען און געטרונקען נאָכ׳ן עסען האָט דער יונגער=מאַן מיט גענומען דעם אורח צו זיך אין זיין צימער, ער זאָל מיט איהם בעזאַמען שלאָפען, צו מאָרגען׳ס איז ווייטער דאָס זעלבע פאָרגעקומען, אַזוי איז דער אורח דאָרט אָבגעווען עטליכע טעג און האָט דעם יונגען מאַן דערצעהלט שענע מעשיות וואָס ער האָט געהערט און געזעהען, דער יונגער=מאַן האָט זעהר אַ הנאה געהאַט פון זיינע ערצעהלונגען דער חסיד איז דערנאָך אַהיים געפאָהרען, דער קרעטשמער האָט איהם מיט געגעבען פיעל מתנות אָבער ווי נור דער חסיד איז פון דאָרט אַוועקגעפאָהרען, איז דער יונגער מאַן ווייטער אַריינגעפאַלען אין אַ מרה=שחורה, און איז ווייטער אַרומגעגאַנגען

ארומגעגאנגען ווי א צומישטער און האט ווידער צו זיך אליין גערעדט און געטענה'ט אזוי ווי פריהער.

די סבה פון דעם יונגער מאנ'ס מרה=שחורה, איז געקומען וויל דער שטיינער פון דעם קרעטשמער איז געווען אז און די סליחות=טעג איז ער געפאהרען אין דער נאהנטער שטאדט נעבען דארף, און זיך דארטען געדונגען א דירה פאר זיין גאנץ בני בית (פאמיליע) ביז נאך יום כפור נאכהער איז ער צוריק אהיים געפאהרען, אזוי האט ער זיך נוהג געווען יעדעס יאהר, דאס היינטיגע יאהר איז אויך ער געקומען אין שטאדט אריין א שבת פאר סליחות מיט זיין זוהן דעם יונגען=מאן ביי די ערשטע סליחות נאך פארטאג'ס איז דער שמש ארומגעגאנגען אויפוועקען אלע בעלי=בתים צי סליחות און אויך דעם קרעטשמער האט ער אויפגעוועקט ער האט זיך באלד אויפגעהויבען אנגעטוהן און גרייט געווען צו נעהען אין קלויז אריין זאגען סליחות, זיין זוהן דער יונגער מאן האט נישט געהערט דעם שמש'ס אויפוועקען אין איז ווייטער געשלאפען, דער פאטער האט איהם נישט אויפגעוועקט ער זאל מיט איהם צוזאמען געהען, וויל ער האט גערעכענט דאס ער וועט אליין קומען אין קלויז נאר ווען ער וועט זעהען אז דער עולם איז זיך שוין צוזאמענגעקומען און מען געהט שוין אנהויבען זאגען, דעמאלט וועט ער שיקען דעם שמש אויפצוועקען זיין זוהן, כן הוה, עס איז טאקע אזוי געווען, דער קרעטשמער איז אליין געגאנגען אין קלויז און דעם זוהן האט ער געלאזט ווייטער שלאפען דער יונגער מאן איז אויפגעקומען פון שלאף האט ער געזעהען אז קיינער איז נישטא אין שטוב,

האט דער יצר=הרע איהם אנגעהויבען איבערצורייזען ער זאל טוהן איין עברה

דער יונגער מאן האט א ביסעל געטראכט און צום סוף האט ער זיך געלאזט איבער ריידען פון יצר=הרע צו טוהן די עברה נור דערוויל איז נאך נאר נישט פארגע=קומען, און תיכף איז אנגעקומען דער שמש און האט אנגעקלאפט אין פענסטער ער זאל זיך אויפהויבען וויל דער עולם הויבט שוין אן צו זאגען סליחות דערביבער זאל ער באלד געהען, און איבער דעם קלאפען פון שמש איז בטל געווארען זיין שלעכטע מחשבה וואס ער האט גערעכענט צו טוהן, דער יונגער מאן איז תיכף געגאנגען מיט'ן שמש זאגען סליחות און קיין שום מענש האט נישט געוואוסט זיין מחשבה וואס ער האט געהאט און זינען צו טוהן.

דער קרעטשמער האט זיך דא אויפגעהאלטען ביז נאך יום כפור ווי זיין שטיינער איז געווען און נאכהער איז ער אהיים געפאהרען. און

מחמת דעם וואָס האָט פאַסירט מיט'ן יונגען מאַן, וואָס ער האָט אין זינען געהאַט אַזאַ זינדיגען געדאַנק, און איז שוין גרייט געווען צו טוהן די עבירה ווען נישט דער שמש וואָלט געווען אָנגעקלאַפּט אין פענסטער דעריבער האָט ער שטענדיג געזאָרגט ווייל זיין הארץ איז געווען פיל מיט חרטה, נור ער האָט פאַר קיינעם נישט אויסגעזאָגט זיין הארץ=ווייטאָג און זיין זאָרג, ער האָט נור פאַר זיך אַליין געטענה'ט רבונו של עולם! האָסטו בעשאַפען דעם מענש צו וואָס האָסטו בעשאַפען דעם יצר=הרע האָסטו ווייטער בעשאַפען דעם יצר=הרע צו וואָס האָסטו בעשאַפען דעם מענש? און קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס ביי איהם איז פאָרגעקומען וואָס ער טענה'ט אַזוי פאַר זיך אָבער צייט דער חסיד איז געקומען אין דער קרעטשמע, איז דער יונגער מאַן געוואָרען אַביסעל מונטערער און פרעהליכער ווייל דער חסיד האָט איהם דערצעהלט שענע מעשיות פון צדיקים און טייערע תורות פון הייליגע רביים ואַזוי ווי עס שטעהט אין פסוק; „פקודי ה' ישרים משמחי לב" גאָטס ווערטער ערפרעהען דאָס הערץ און ווען דער חסיד איז אַהיים געפאָהרען איז ער צוריק געוואָרען פער זאָרגט און האָט ווייטער אָנגעהויבען צו טענה'ן צו זיך זעלבסט די זעלבע טענות ווי פריהער, די פאָטער און מיטער האָבען דאָס אַלעס צוגעזעהען, און זיי האָבען תיכף געשיקט אַספּעציעלען שליח נאָך דעם חסיד ער זאָל ביי זיי זיין אַ גאַנצען ווינטער ווייל זיי האָבען איינגעזעהען אַז נור אויף אַזאַ אופן וועט זייער זוהן אַביסעל מונטערער ווערען, דער חסיד איז געקומען מיט'ן שליח און דעם יונגענמאַנ'ס עלטערען האָבען מיט איהם גערעדט, אַז ער זאָל דאָ פערבלייבען אויף אַגאַנצען ווינטער, ער זאָל לערנען צו זאַמען מיט זייער זוהן, כדי איהם זאָל אַביסעל ווערען היימליכער און האָבען איהם צוגעזאָגט וויפיעל ער רעכענט צוזאַמענ=צינעהמען אַרומפאָהרענדיג אויף דער וועלט וועלען זיי איהם געבען די סומע כדי ער זאָל זיין מיט זייער זוהן צו זאַמען, דער חסיד האָט מסכים געווען דערויף און איז דאָרט אָבגעזעסען דעם גאַנצען ווינטער און איז געווען צו זייער זוהן ווי איין אמת'ער דאָקטאָר ווי עס איז געקומען פאַר פסח, האָט דער אורח פערלאַנגט אַז דער יונגער מאַן זאָל מיט איהם פאָהרען אין זיין שטאָדט, קיין קאָריץ, דאָרט ווי עס איז דער רבי ר' פנחס זצ"ל און ער וועט אויף איהם גוט אַכטונג געבען, אויך האָט ער דעם פאָטער ערצעהלט אַז ער איז אַנ'אָפטער איינגעהער ביים רבי ר' פנחס קאָריצער זצ"ל און ער וועט געהען מיט זיין זוהן צום הרה"ק און וועט זעהען, אַז דעם רבי זאָל איהם מקרב זיין, די זאַך איז זעהר געפעלען געוואָרען דעם קרעטשמער און האָט איינגעשטימט אויף דער נסיעה ער האָט איהם אָבגעזאָגט, אַז ער זאָל אויף איהם גוט אַכטונג געבען אַזוי ווי אַפאָטער אויף אַנ'איינעם קינד און ביידע זענען געפאָהרען קיין קאָריץ, ווען זיי זענען געקומען

קיין קאריץ איז דער חסיד געגאנגען מיט'ן יונגען מאן נעהמען שלום פון רבי'ן דער רבי האט געגעבען שלום דעם חסיד מיט אגלייכגילטיג=קייט. נישט אזוי ווי אייביג וואס ער פלעגט איהם אויפנעהמען מיט אזוי פיעל ליעבשאפט און רעדען מיט איהם מיט אגוט געמוטה, און צום יונגען מאן, וועלכער איז געשטאנען נעבען דעם חסיד, האט זיך דער הרה"ק אפילו נישט געוואלט אומקוקען און איהם נישט געגעבען קיין שלום, דער חסיד איז ביים רבין נאך געשטאנען עטליכע מינוטען דערנאך איז ער אהיים געגאנגען, און עס האט איהם שטארק געוואונדערט וואס ער זעהט יעצט ביים רבי'ן אזא שטארקע פערענדערינג אין דעם יונגען מאן האט ער בערוהיגט, ער זאל זיך דערויף נישט וואונ=דערען וואס דער רבי האט איהם קיין שלום געגעבען, ווייל עס קאן זיין דורך א צופאל, אדער דער רבי איז אין עפיס פערטוהן געווען און האט נישט דערזעהען, און מארגען אדער איבערמארגען וועלען זיי נאך אמאל געהען צום הרה"ק דעמאלט וועט ער איהם שוין געוויס געבען שלום און מקרב זיין.

ווען עס איז אנגעקומען דער שבת קודש איז דער חסיד מיט'ן יונגער מאן געגאנגען פרייטאג צו נאכט באלד נאכ'ן עסען, צום רבינ'ס טיש און זיי ביידע האבען זיך געזעצט ביים טיש צווישען אלע אנדע=רע חסידים דער הרה"ק האט אנגעהויבען צו זאגען תורה אויף דעם פסוק וואס שטעהט ביי יוסף הצדיק; „ויבוא הביתה לעשות מלאכתו" (יוסף איז געקומען אין דער שטוב אריין צו פוטי פרע טוהן זיין ארבייט) און עס זאגען זיך ווענגען דעם ארויס זייער מיינונג ר"ב און שמואל, רב זאגט אז ער איז טאקע געקומען טוהן זיין ארבייט און שמואל זאגט אז ער איז געקומען טוהן איין עבירה, נאר עס האט זיך איהם בעוויזען זיין פאטער'ס געשטאלט דעריבער האט ער אויפגעהערט דערויף האט דער הרה"ק אנגעהויבען צו שרייען מיט א קול! דו שמואל ווי אזוי ארום קאנסט דו מאכען אזא שם רע אויף יוסף הצדיק, וואס די תורה אפילו דעקט עס צו און זאגט נישט ארויס און דו דעקסט אויף זיין חרפה און שאנדע אפענבאר פאר דער גאנצער וועלט? אזוי האט ער געשריגען דריי מאל, די חסידים וואס זענען געזעסען ביים טיש אז זיי האבען דאס געהערט, האבען זיי נאר נישט פערשטאנען וואס דער רב הק' מיינט דערמיט, און די תורה איז דאך גארנישט פון דער סדרה פון דער היינטיגע וואך, נאר דער יונגער מאן ווען ער האט דאס אלעס דערהערט האט פערשטאנען אז צוליעב איהם זאגט דער רבי די תורה ער איז זעהר נתפעל געווארען דערפון ער איז אנידערגעפאלען פלוצלונג אויף דער ערד און האט נעחלש'ט דער חסיד וואס איז נעבען איהם געזעסען איז דערפון שטארק בעשרעק'ט געווארען און האט אים מיט אלע קרעפטען דערמונטערט, ער האט איהם אהיים געפיהרט און איהם אנידער געלייגט אויפ'ן בעט ער זאל

זיך אַבּיסעל אויסרוהען, אין דער פריה האָט דער חסיד איהם געפרעגט די סבה וואָס ער האָט געחלש׳ט דער יונגער מאַן האָט איהם נישט געוואָלט אויסזאָגען זיין געהיימנים. נור ער האָט איהם געזאָגט, אַז ער אַליין ווייסט אויך נישט די אורזאַכע נור עפּיס פּלוצלונג איז ער שוואַך געוואָרען און האָט געחלש׳ט שבת בייטאָג נאָכ׳ן עסען איז דער חסיד מיט׳ן יונגען=מאַן ווידער געגאַנגען צום רבי׳ן און עס איז וויטער דאָס זעלבע פאָרגעקומען וואָס פרייטאָג צו נאַכטס. דער רבי האָט געזאָגט די אייגענע תורה און דער יונגער מאַן האָט געפיהלט. אַז דאָס מיינט מען איהם און האָט ווידער געחלש׳ט, און מיט פיעל מיה האָט מען איהם אויפגעוועקט און אַהיים געפיהרט, נאָך שבת איז דער חסיד מיט׳ן יונגער מאַן ווידער געגאַנגען צום רבי׳ן און דאָס מאָל האָט ער זיי ביידע שוין מקרב געוועזן מיט ליעבשאַפט און נוטקייט ומחמת דער הרב הקדוש האָט געזעהען מיט רוח=הקודש וואָס עס האָט זיך געטראָפען מיט דעם יונגען מאַן און מיט זיין תורה=זאָגען האָט ער געווירקט אַז דער יונגער מאַן זאָל מהרהר בתשובה זיין פאַר נאָט ב״ה און דעריבער האָט ער געחלש׳ט 2 מאָל, דערנאָך הערשט האָט ער איהם אָנגעהויבען מקרב צו זיין דער סוף איז געוועזן אַז דער יונגער מאַן איז געבליבען אין קאָריץ עטליכע וואָכען שוין נאָך פסח, און איז געוואָרען שטאַרק בעליעבט ביים הרה״ק און איז צו איהם גע=וואָרען דערנעהנטערט מיט האַרץ און זעעלע, דער זכות פון הרב הק׳ זאָל אויף אונז מגין זיין אמן.

## ב.

# אַ מַעֲשֶׂה נפלא פון הרה״ק דער רבי ר׳ מיכל׳ע זצ״ל.

דער רבי ר׳ מיכל׳י זצ״ל האָט געהאַט פינף זוהן וואָס די וועלט האָט זיי גערופען; חמשה חומשי תורה, (די פינף חומשים פון דער תורה) אַלע זענען געוועזן הייליגע און בעוואוסטע צדיקים אויף דער גאַנצער וועלט, איינמאָל האָט זיך געטראָפען, ווען זיין זוהן ר׳ יוסף מיאמפלא ז״ל איז געזעסען ביים טיש מיט זיינע חסידים האָט מען איהם געבראַכט אַ פערחתמ׳עטען בריף, ער האָט איהם געעפענט און געלייענט. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו זיינע חסידים, דער הרה״ק ר׳ משה לייב סאַסאָווער שיקט מיר דעם בריעף וואו ער דאַנקט מיר וואָס איך האָב פאַר איהם געבעטען און ער איז דעריבער געהיילט געוואָרען פון זיין קרענק און איך האָב איהם גערעטעט פון

פויס, אין דער אמת'ן אבער האב איך גארנישט געטוהן און ער דאנקט מיר אומזיסט, איך וועל אייך דערצעהלען די מעשה, נישט לאנג האב איך ערהאלטען א בריעף פון איהם מיט דער ביטע איך זאל בעטען פאר איהם, אז ער זאל ווערען געהיילט פון זיין קרענק איך בין דעמאלט תיכף געגאנגען אין דער מקוה זיך טובלן זיין און האב זוכה געווען צו זיין אויפ'ן עולם העליון (יענע וועלט) דארט האב איך געטראפען מיין פאטער הרה"ק זצ"ל, ער האט מיך געפרעגט; יאסעל'ע! וואס טהוסט די דא? האב איך איהם געענטפערט; ר' משה לייב מאסעווער איז קראנק בין איך געקומען פאר איהם בעטען אז ער זאל לעבען, האט מיין פאטער געזאגט, קום מיט מיר, זענען מיר ביידע געגאנגען צום הייליגען היכל פון בית=דין=של=מעלה ווי מיר זענען דארט אהינגעקומען, איז מיין פאטער גלייך צוגעגאנגען צום בית=דין=של=מעלה און איך בין געבליבען שטעהען ביי דער טהיר, דאס בית=דין=של=מעלה האט געפרעגט מיין פאטער: ר' מיכלי וואס דארפט איהר דא? און צו וועלכע סבה זענט איהר דא אהערגעקומען? האט מיין פאטער געענטפערט מיין זוהן יאסעל'ע איז דא אהערגעקומען וועגען ר' משה לייב מאסעווער, אז ער זאל געהיילט ווערען פון זיין קרענק בין איך מיט איהם געגאנגען האבען איהם דאס בית=דין=של מעלה געזאגט, מיר וואלטען א וודאי ערפיהלט זיין בעגעהר נור וואס זאלען מיר טוהן, אז מיר ברויכען איהם דא זעהר נייטיג איך האב דאס אלעס אויסגעהערט האב איך מיך אפגערופען. אבער דאס דור דארף איהם פיעל נייטיגער דעריבער בעט איך פאר איהם ער זאל געהיילט ווערען פון זיין קרענק האט דאס בית=דין=של=מעלה געענטפערט מיט די ווערטער; מיר פארלאזען זיך אויף ה"ר ר' מיכלע'ן. ווי אזוי ער וועט זאגען אזוי וועט זיין האט מיין פאטער זיי געזאגט; אז מיין יאסעלע זאגט, אז דאס דור דארף איהם האבען זעהר נייטיג ע"כ בין איך אויך מסכים אז ער זאל האבען א רפואה (אהיילונג) און עס איז טאקע אזוי געווען, ער איז געהיילט געווארען און איך האב גארנישט געטוהן.

## ג.

# נאך א מעשה נפלא פון הרב ר' מיכלי זצ"ל.

דער הרה"ק ר' יאסעלי פון יאמפלא איז געווען א גיטער יוד און דער איינציגער צייט וואס זיין פאטער ר' מיכלי, דער מגיד פון

זלאטשוב האָט נאָך געלעבט, האָט זיך דעמאָלט געטראָפען אַז עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ גזירת המלכות פון פוילען צו אַלע יודען וואָס וואוינען אין די דערפער זאָל מען אַרויסטרייבען, זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע דאָרפיש'ע יודען קלערען עפּיס אַיין עצה וועגען דעם, האָבען זיי אויסגעקליבען צווישען זיך צוויי מענשען זיי זאָלען פאָהרען צו די צדיקי הדור זיי זאָלען בעטען פאַר זיי, זיי זאָלען חלילה וחס נישט ווערען פערשטויסען פון זייער פרנסה, די צוויי זענען געפאָהרען צום הרה"ק ר' מיכלי זצ"ל, און זיי האָבען פאָרגעלעגט זייער בקשה פאַר איהם, ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיי די שלעכטע גזירה זאָל ווערען אָבגעטוהן זיי האָבען דאָרט אָבגעהאַלטען שבת, דער הרה"ק האָט זיי גע־בענטשט, נאָך שבת זענען זיי פון דאָרט אַוועקגעפאָהרען אין זענען געפאָהרען צום הרה"ק ר' יוסף זצ"ל דעם רבי ר' מיכלי'ס זוהן, זיי האָבען פאַר איהם אויך פאָרגעלעגט זייער בקשה און אָבגעהאַלטען דאָרט שבת פרייטאָג צו נאַכטס ווען אַלע זענען געזעסען ביי'ם טיש האָט דער רבי אָנגעהויבען זאָגען תורה אויף דעם זמר, „כל מקדש שביעי" און דערנאָך האָט ער אויסגעלאָזט, איך זאָג אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגען צו ריהרען פון אָרט, אַלע חסידים וואָס זענען געזעסען ביים טיש האָבען נישט געוואוסט וואָס דער רבי מיינט מיט דו ווערטער די צוויי משולחים האָבען גוט פערשטאַנען, אַז דער רבי זאָגט דאָס וועגען זיי, נאָך שבת ווען זיי זענען געקומען זיך געזעגענען מיט'ן הרב הקדוש, האָט ער זיי געבענטשט און צוגעזאָגט, אַז מיט גאָטס הילף וועט די גזירה בטל ווערען, און קיינער זאָל זיך נישט ריהרען פון אָרט, דערנאָך זענען זיי צוריק־געקומען צו זיין פאָטער דעם רבי ר' מיכלי און האָבען איהם אַלץ דערצעהלט פון זיין זוהן, האָט ער זיך זעהר געפרייט און געזאָגט; מיין זוהן האָט מעהר געפּועל'ט פון מיר, זיין פסק איז אָנגענומען געוואָרען אויפ'ן עולם העליון און איהר מעגט זיין זיכער, אַז אַלע דינים און גזרות וועלען בטל ווערען פון אייך און איהר זאָלט ענק נישט ריהרען פון אָרט, און עס איז טאַקע אַזוי געווען.

# ד

# אַ מַעֲשֶׂה נוֹרָא פון הרה"ק ר' מיכל'ס ווייב הצדקת זכרונה לברכה.

ווען דער הרה"ק הר"ר יוסף פון יאמפאלא זצ"ל האָט געהאַט יאָהרצייט נאָך זיין מיטער האָט ער דערצעהלט פאַר די חסידים אַזוי אַ מעשה:

איינמאָל האָט זיך געטראָפען אַז מיין פאָטער האָט מוצאי יום כפור נאָר נישט געוואָלט טועם זיין, און צומאָרגענס האָט ער אויך נאָר נישט געוואָלט עסען, ווען מיין מוטער עליה השלום האָט איהם געפרעגט פאַר וואָס ער וויל גאָר נישט עסען ער פאַסט דאָך שוין אַזוי לאַנג, האָט מיין פאָטער איהר געענטפערט; ווי אַרום זאָל איך עסען, אַז איך האָב נאָך נישט קיין געלד אויף אַ אתרוג מיט אַ לולב מיין מיטער האָט אויף איהם רחמנות געקרוגען אין איהם געזאָגט, איך האָב נאָך איין גאָלדענע מטבע וואָס איך האָב דאָס בעהאַלטען פון דעם וואָס איך האָב מיין צירונג פערקויפט די מטבע האָב איך געהאַט בעהאַלטען צו שיקען אַלס מתנה אונזער זוהנ'ס כלה נור יעצט ווען איך זעה, אַז די ווילסט צוליעב דעם נישט עסען און טרינקען נאַ דיר די מטבע ועסטו דיר קויפען שיינעם אתרוג מיט אַ לולב מיין פאָטער איז מיט גרויס שמחה געגאַנגען קויפען דעם אתרוג מיט'ן לולב און פאַר אינז ברודער האָט ער איבערגעלאָזט צו מאַכען די סוכה, ווי עס איז גע=קומען די ערשטע נאַכט סוכות האָט דער פאָטער גערופען מיין מוטער זי זאָל אַריינקומען אין סוכה הערען קידוש ווען זי איז צוגעקומען צו די סוכה האָט מיין מוטער ז"ל פלוצלונג אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען מיין פאָטער האָט זי נישט געפרעגט פאַרוואָס זי וויינט, ווייל ער איז געוועזען פערנומען מיט'ן קידוש, אין דער פריה איז מיין פאָטער געגאַנגען אין מקוה זיך טובל זיין דערנאָך איז ער מיט דעם לולב און אתרוג געקומען אין סוכה אַריין און האָט אתרוג געבענטשט מיט גרויס שמחה מיין פאָטער ז"ל האָט ווידער געשיקט רופען מיין מוטער ז"ל זי זאָל אַריינ=קומען אין סוכה אתרוג בענשען אָבער ווען זי איז צו געקומען צו דער סוכה האָט זי ווידער אָנגעהויבען צו וויינען אָהן אויפהער האָט מיין פאָטער זי געפרעגט, פאַרוואָס ווען זי קומט צו די סוכה וויינט זי? האָט מיין מוטער איהם געענטפערט, ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען ווען אַלע יאָהר אַז איך פלעג קומען אין סוכה האָט זיך אליהו הנביא ז"ל צו מיר בעוויזען, מיט דעם בין איך געוועזען פרעליך און געפינען אַטרייסט, ביי דעם לעבען פון גרויס אָרומקייט און דחקות, יעצט אַז איך האָב איהם נישט געזעהען נישט נעכטען ביינאַכט און נישט

היינט ביטאג, זעהט מען דאך ארויס אז מיינע מעשים האבען דערצו גורם געוועזען אז ער זאל זיך צו מיר נישט בעווייזען, היינט ווי אזוי זאל איך נישט וויינען? האט מיין פאטער ז"ל איהר געענטפערט נישט דיינע מעשים האבען דאס גורם געוועזען, נור מיינע מעשים, און מיין מוטער האט געזאגט ניין! דו ביסט איין אמת'ער צדיק נור מיינע שלעכטע מעשים האבען דאס גורם געוועזען, מיין פאטער ז"ל האט איהר צוגעזאגט אז פון היינט אן יעדעס מאל ווען זי וועט קומען אין סוכה אריין וועט זיך אליהו הנביא איהר בעווייזען אזוי ווי שטענדיג, כן הוה. עס איז טאקע אזוי געוועזען.

און די סבה וואס זי האט די גאנצע צייט נישט געזעהען אליהו ז"ל, ווייל פון דער ווייטען'ס איז געשטאנען א תיפלה מיט א צלם האט זיך דער שאטען פון צלם אבגעשלאגען אויף דער סוכה איבער דעם האט אליהו ז"ל נישט געקאנט קומען אין די סוכה אבער און די פריהערדיגע יאהרען ווען מיין פאטער ז"ל האט זיך אליין בעשעפטיגט מיט'ן מאכען די סוכה האט ער פון דער זאך געוואוסט האט ער אויף אזא אופן געשטעלט די סוכה אז דער צלם זאל נישט אנשלאגען דורכ'ן שאטען אויף דער סוכה, נור יעצט ווען דער פאטער איז גע= ווען בעשעפטיגט צו קויפען דעם אתרוג און לולב, הערשט נאך יום הכפור ווייל פריהער האט ער דאך נישט געהאט געלד, האט ער נישט געהאט קיין צייט אונז קינדער צו העלפען מאכען די סוכה, און מיר וואס האבען נישט געוואוסט וועגען דעם שאטען האבען מיר געשטעלט די סוכה ווי עס איז, און מיר האבען נישט אכטונג געגעבען דערויף, איבער דעם איז אליהו ז"ל נישט געקומען. און נאכדעם ווי מיין פאטער ז"ל האט איהר צוגעזאגט אז אליהו ז"ל וועט זיך ווייטער צו איהר בעווייזען איז געווארען דער הימעל פערוואלקענט, עס איז שוין מעהר נישט געוועזען קיין שאטען פון צלם אויף דער סוכה גאנץ סוכות און אליהו ז"ל איז ווייטער געקומען און דער סוכה און מיין מוטער ז"ל האט איהם ווייטער זוכה געוועזען צו זעהען, אט דאס הייסט איין אשת כשרה איהר זכות זאל אונז ביישטיין אמן:

## ה.

# א וואונדערליכע מעשה פון הרב הקדוש הר"מ פון הוסאטין זצ"ל.

וואס ה"ר ר' יוסף כ"ץ פון וואנישיק האט מיר דערצעהלט מיט דעם לשון:

איינמאל ווינטער פרייטאג צו נאכט'ס בין איך אריינגעגאנגען

אין חדר פון דעם הרה"ק איידער ער איז נאך צום טיש געגאנגען, האב איך געזעהען ווי ער שטעהט ביים פענסטער אלאנגע צייט און קוקט ארויס אין גאס ארויין, איך בין נישט צום איהם נאהנט צוגע-גאנגען כדי איך זאל נישט זיינע געדאנקען צומישען בין איך פון דער-וויטענס געשטאנען, ווי איך שטעה אזוי איז אריינגעקומען דער משמש ר' פייוויל און געזאגט צום רבי'ן, אז דער טיש איז שוין גרייט (דאס הייסט אז די חסידים האבען זיך שוין ארומגעזעצט א-ום דעם טיש) דער הרה"ק האט זיך צו מיר אויסגעדרעהט און מיר דערצעהלט אזוי א מעשה.

איינמאל איז ה"ר ר' נחום טשערנאבלער ז"ל געפאהרען צום הרב ר' ברוך מעזשבוזער, און איז אן געקומען קיין מעזשבוז ביי נאכט, ער איז פערפארען אין איין אכסניא זיך איבערצוטוהן און האט זיך צוגעגרייט צו גייען צום רבי ר' ברוכ'ל. מען האט תיכף צוויסען גיטוהן דעם רבי ר' ברוכ'לן, אז ר' נחום קומט צו איהם, האט זיך דער רבי ר' ברוכ'ל אויפגעשטעלט פון זיין שטוהל און איז אקעגען געגאנגען דעם הרב ר' נחום טשערנאבלער ז"ל הרב ר' נחומ'ל איז אריינגעקומען און ר' ברוכ'ס חדר אין האט שלום גענומען די ביידע רבי'ס האבען זיך צום טיש געזעצט, דער רבי ר' ברוך ז"ל האט געפרעגט ר' נחומ'ל ווי האט עפים אויסגעזעהען אייער וועג? האט איהם ר' נחומ'ל געענטפערט, מיין וועג דא אהער איז געוועזען זעהר גוט איך וואלט נאך דא אהערגעקומען פאר נאכט נור איך האב אויפ'ן וועג געהאט איין מניעה (שטערונג) וואס איך האב אביסעל פערשפעטיגט האט איהם דער רבי ר' ברוכ'ל געפרעגט וואס איז דאס געוועזען די מניעה? האט איהם ר' נחומ'ל געענטפערט ווען איך בין געפאהרען אין וועג האבען זיך די פערד אויפ'ן גלייכען שאסעע פלוצלינג אבגעשטעלט און נישט געוואלט ווייטער געהען דער פורמאן האט זיי געשלאגען און עס האט גאר נישט געהאלפען, האב איך געזאגט דעם בעל-עגלה ער זאל אראב געהען פון וואגען זעהען אפשר ליגט עפים אויפ'ן וועג אזאך וואס האלט איין די פערד פון צו גיין א שטיין אדער איין אנדערע זאך? דער פורמאן איז אראב געגאנגען פון וואגען און האט גוט בעטראכט דעם וועג און האט גאהר נישט גיזעהען דער פורמאן האט צו מיר געזאגט, רבי, נעהט איהר אליין אראב פון וואגען און בעטראכט דעם וועג, וויל איך ווייס נישט די סבה פאר וואס די פערד זאלען נישט געהען, איך בין אראבגעגאנגען פון וואגען און האב געזעהען ווי פאר די פערד ליגט איזריש נפש (נשמה) און איבער דעם האבען די פערד נישט געוואלט געהען איך האב געזאגט צום נפש, פאר וואס שטערסט די מיר דעם וועג וואס ווילסטו? האט מיר דאס נפש געענטפערט, איך בין דא אהערגעקומען אייך איבערבעטען, מיט דעם וואס איך האב געגען אייך געזינדיגט, ווען איך האב נאך געלעבט און איך בעט פון אייך איהר זאלט מיר אלעס מוחל זיין, וויל

פֿריהער קאָן איך נישט קומען אויף מיין מקום-מנוחה (רוה אָרט) ביז איך וועל אייך איבער-בעטען, האָב איך צו איהר געזאָגט, וואָס האָסט דו דען זיך געגען מיר פערזינדיגט האָט דאָס נפש מיר געענטפֿערט אין די מסירה וואָס איז געווען אויף אייך, האָב איך אַגרויסען אַנטייל גענומען, האָב איך געזאָגט צי איהר. איך בין דיר די זינד מוחל, זאָגט דאָס נפש איך האָב נאָך אחטא אַקעגען אייך געזינדיגט דען דאָס וואָס איהר זענט געזעסען און דער תפיסה בין איך אויך געווען דער גורם דערצו און מיין ווילען איז געווען איהר זאָלט דאָרט איביג זיצען, נאָר איהר האָט געהאַט גוטע זכותים און גוטע מליצים, וואָס דורך זיי זענט איהר גע-וואָרען פֿריי האָב איך איהר געענפֿערט, אויך דאָס בין איך דיר מוחל מחמת די זאַך איז דאָך שוין לאַנג אַוועק, דאָס נפש זאָגט מיר, איך האָב נאָך עפּיס אייך צו זאָגען, און איך פֿרעג, וואָס נאָך? ענטפערט זי מיר, איך האָב מוציא שם רע געווען (אַרויסגעלאָזט אַפּאָרגלאָסקע) אויף אייער אייניקעל די צדיקת חוה׳לע, אויף דעם האָב איך גע-נטפערט צום נפש, אויף דער זאַך בין איך דיר בשום אופן נישט מוחל דאָס נפש האָט אין מיר שטאַרק אָנגעהאַלטען ביז איך בין בייז גע-וואָרען דערויף און האָב עס אַוועקגעוואָרפען אונטער די הרי-חושך און בין ווייטער געפֿאָהרען, דעריבער האָב איך אַביסעל פֿערשפּעטיגט און דאָ אַהערגעקומען ביי נאַכט, ווי דער רבי ר׳ ברוכ׳ל האָט געהערט די מעשה האָט ער זיך אָנגערופֿען צום רבי ר׳ נחומ׳ל, די וועלט האַלט דאָך מיך פֿאַר, „אַביזען גוטען יוד״ און אייך האַלט די וועלט פֿאַר „אַגוטער גוטער יוד״ היתכן ווי טהוט מען אַזוים מפקיר צו זיין אַ יודיש נפש און עס אַוועקצוואַרפען אויף אַזאַ אָרט וואָס זאָל נישט האָבען קיין תיקון? טהוט אייך אָן אייער טוזליק און איך וועל מיר אָנטוהן מיין טוזליק און מיר וועלען געהען זובען דאָס נפש צו געבען אַ תיקון נאָך דער מעשה הערשט, האָט דער הרה״ק פֿון הוסאטין ז״ל געזאָגט עס איז שוין צייט צו געהען צום טיש, יעצט איז שוין ליכט צו פֿער-שטעהען, אַז דאָס וואָס ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים פֿענ-סטער און אַרויסגעקוקט האָט ער דאָס מיט זיין קוקען מתקן געווען דאָס אומגליקליכע נפש.

ו

# אַ מַעֲשֶׂה נִפְלָא פֿון הרה״ק זצ״ל פֿון אפּטא.

דער הרה״ק האָט איינמאָל ביי שלש סעודות געזאָגט תורה מיט גרויסע התלהבות אַזוי ווי זיין שטייגער איז געווען און דער גאַנצער

עולם האָט זיך זעהר ערנסט צוגעהאָרכט צו זיין תורה דער מנהג איז געווען אַז בשעת תורה זאָגען איז געווען פינסטער אין שטוב, וואָרום כל זמן, אַז דער הרה"ק האָט נישט געענדיגט די תורה האָט מען נישט אָנגעצונדען קיין ליכט, פלוצלינג אין מיטען תורה=זאָגען האָט דער רב געזאָגט די ווערטער בזה הלשון, „אברהם" וואָס טהוסט דו דאָ? איך האָב איינמאָל געזאָגט, ווער האָט כח איבער צו מאַכען דעם אַפּטער רב'ס פסק, איך האָב אַ דעה אין היכל הזכות, גייה איך היים! און ער האָט שוין אויפגעהערט זאָגען תורה און האָט געהייסען אָנצינדען אַ ליכט, ווען דער הרה"ק האָט געזאָגט די ווערטער איז אויף אַלעמען געפאַלען אַ שרעק ווייל זיי האָבען פערשטאַנען אַז דער הרה"ק רעדט דאָס צו אַ מת, די חסידים האָבען זיך אָנגעהויבען נאָך פרעגען וועמען דער רבי מיינט מיט די דאָזיגע ווערטער און צו וועמען האָט ער דאָס גערעדט ביז מען האָט זיך דערוואוסט פון דיזער געשיכטע.

פאַר עטליכע וואָכען צוריק, איז פאַר'ן הרה"ק געקומען איין אָרעמטליבער יונגער מאַן פון נעבען אַפּטא דער הרה"ק האָט איהם נאָך געקענט פון דער היים אויס, דער יונגער=מאַן איז אין אַפּטא פּלוצלונג קראַנק געוואָרען און איז אָפּגעלעגען צוויי וואָכען אין אַ גאַסט הויז האָט דער יונגער מאַן געשיקט אַ שליח צום הרה"ק ער זאָל זיך מטריח זיין און קומען צו איהם ווייל ער האָט מיט איהם צורעדען וועגען וויכטיגע זאַכען, דער רבי מיט עטליכע מענשען זענען געגאַנגען צום חולה, ווען דער הרה"ק איז געקומען צום חולה האָט ער זיך נעבען איהם אַ נידער געזעצט און זיינע מענשען זענען פאַר איהם געשטאַנען, האָט דער חולה געבעטען אַז אַלע זאָלען אַרויסגעהען נור דער רבי אַליין זאָל בלייבען ביי איהם, מחמת ער האָט צו רעדען מיט'ן רבי'ן אַ סוד, דער הרה"ק האָט געהייסען אַלע מענשען זאָלען אַרויסגעהען זענען זיי אַרויסגעגאַנגען און געשטעלט זיך אונטער דער טהיר אויסצוהערען עטליכע ווערטער. האָבען זיי גע= הערט ווי דער קראַנקער וויינט און רעדט פאַר דעם הרה"ק, ביטערע רייד מיט אַ גרויס געוויין און' ווי דער הרה"ק טרייסט איהם מיט די ווערטער; שרעק דיך נישט, שרעק דיך נישט! די מענשען וואָס זענען פון דרויסען געשטאַנען האָבען נישט געהערט וואָס דער קראַנקער רעדט נור אַז זיי האָבען בלויז געהערט פון הרה"ק די ווערטער, שרעק דיך נישט. האָבען זיי פון זיך זעלבסט פערשטאַנען אַז דער קראַנקער פיהלט ביי זיך אַז ער מוז געהען פון דער וועלט עפּיס איבער אַ זאַך וואָס ער האָט נישט מתקן געווען און דעריבער וויינט ער דאָס און קלאָגט זיך פאַר'ן הרה"ק, דער הרה"ק האָט זיך ביים קראַנקען נאָך עטליכע מינוט אויפגעהאַלטען און איז תיכף אַהיים געגאַנגען, און האָט אַ געזאָגט אַז נאָכדעם ווי דער יונגער=מאַן וועט שטאַרבען זאָל מען די מטה דורכפיהרען דורך זיין הויז און דערפון מודיע איהם זיין, כן הוה, עס איז טאַקע אַזוי געווען, דער יונגער=מאַן איז באַלד נאָכדעם געשטאָרבען

ווען מען האָט געטראָגען די מטה ביים הויז פון הרה"ק האָט מען דעם רבי'ן צווישען געטוהן דער הרה"ק איז תיכף אַרויס געקומען פון זיין חדר און צוגעגאַנגען צו דער מטה פון מת און אַרויפגעלעגט די האַנד אויף'ן מת און געזאָגט צו איהם די ווערטער, אברהם וואָס שרעקסט דו זיך? שרעק זיך נישט! נעה! איך הייס! און האָט איהם אַביסעל בעלייט.

די גאַנצע מעשה האָט מען מיין פאָטער דערצעהלט און מיט דער מעשה איז מיין פאָטער ז"ל געוואָרען אַלין פערענטפערט, מחמת יעצט אין שבת צו נאַכט איז דער מת ווייטער געקומען זיך בעקלאָגען פאַר דעם הרה"ק אַז מען וויל איהם ווייטער מעניש זיין, פון דעם איז דער הרב געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט און געזאָגט די ווערטער, וואָס איז געוואָרען אויבען דערמאַנט, וואָס טהוסט דו דאָ? איך האָב איין מאָל געזאָגט! ווער האָט כח איבערצומאַכען דעם אַפטא'ר רב'ס פסק? איך האָב אַ דעה אין היכל הזכות! ווי עס זיצען דאָרט דאָס בית=דין=של=מעלה. גיי! איך הייס! פון דאַנען קאָן מען אַרויסזעהען, ווי גרויס דער הרה"ק איז געווען, אַז ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף דעם בייזען מלאך ער זאָל איהם גאָרנישט טוהן, ווייל ער טהאָר נישט משנה זיין אַגדערשט ווי ער האָט געפסק'נט וואָרום ער האָט אַ דעה אין בית=דין=של=מעלה, זיין זכות זאָל אַלע יודען בייַשטעהען, אמן.

ז

# נאָך אַ וואונדערליכע מַעֲשֶׂה פון הָרַב הקדוש פון אפטא זצוק"ל.

דער הרה"ק הי"ט אַמאָל אָבגעהאַלטען שבת אין גרייַדונג, דער=נאָך, ווי ער האָט זיך געקליעבען אַוועק צו פאָהרען אין אַצווייטע שטאָדט, האָט מען צו זאַמען גענומען אַלע זיינע זאַכען איינצופאַקען אין קאַסטען האָבען די משמשים זיך דערוויסט אַז עס פעהלט דעם רבינ'ס זייגער'ל וואָס דערויף איז געווען אויס געקריצט דעם רבינ'ס חותם (סטעמפיל) מען האָט גלייך צו וויסען געטוהן דעם הרה"ק אַז די חתימה מיט'ן זייגערל פעלט. דער רבי איז שטאַרק דערשראָקען גע=וואָרען און ער האָט צו זיינע חסידים אַזוי געזאָגט, דאָס האַרץ טהוט מיר זעהר וועה נאָך דעם געגנב'טען זייגערל, ווייל דאָרטען איז אויך מיין סטעמפעל איך האָב מורא אַז מען זאָל נישט שרייבען בריעף וואָס ריהרט אָן צום מלכות און אונטער=חתמ'ענען מיין נאָמען, קאָן

נאך חלילה וחס זיין א נעפאהר פאר דעם כלל ישראל קיינער האט איהם דערויף נישט גיקאנט ענטפערין, וויל מען האט דאך נישט געוואוסט ווער עס האט געגנב'ט, ער האט זיך אויף געזעצט מיט זיין איינינקעל זיין משמש ר' מלך אויף א קאטש און האט ר' מלך'ן עפיס איינגערויסט אין אויער, ער זאל דאס צווישען טוהן אלע דער משמש ר' מלך האט זיך אויפגעשטעלט אויף דער קאשט פון הרה"ק און האט הויך צו אלע אזוי געזאגט, הערט צו רבותי, וואס מיין זיידע זאגט מיר, אז ווער עס האט גענומען דאס זיינגעריל, אויב ער וועט עס נישט אבגעבען, וועט ער דאס יאהר נישט אויסלעבען אין איז תיכף דערנאך אוועק געפאהרען ווי דער גנב האט דערהערט א זעלכע רייד און רבינ'ס קללה, איז ער זעהר דערציטערט געווארען, ווי הרה"ק איז געקומען צופאהרען אין דער צווייטער שטאדט האט ער געטראפען דאס ליעבע זייגעריל הענגען אויפ'ן טהויער פון שטאדט, מען האט אראבגענומען דאס זייגעריל און מען האט עס איבערגעגעבען דעם הרה"ק, דער הרה"ק איז אריינגעקומען אין דער אכסניא, וואס איז געווען פאר-געברייט פאר זיינעטוועגען האט דער הרה"ק געזאגט ווער עס האט גענומען מיין זייגעריל און מיר עס צוריקגעגעבען, זאל צו מיר קומען בסוד אפשר וועל איך איהם קענען העלפען, ער זאל ניצול ווערען פון מיין קללה, כן הוה, דער גנב איז געקומען צום הרה"ק בייגאכט ווען קיינער איז שוין נישט געווען נור בלויז דער הייליגער צדיק זצ"ל און האט מתודה געווען אויף דער גנבה און האט געבעטען ביים הרה"ק ער זאל איהם בענטשען, ער זאל ניצול ווערען פון דער קללה, אויף דעם האט איהם דער הרה"ק געענטפערט, כל זמן איך וועל לעבען ביזט דו פערזיכערט, אז דו וועסט אויך לעבען נור נאך מיין טויט קען איך דיר גארנישט העלפען, ווארום א קללה פון א חכם און א רבי קומט אפילו אויף א תנאי אויך, און עס איז טאקע אזוי געווען דאס וואס דער הרה"ק האט זיך געבייזערט און געשאלטען מיט אזא שרעק-ליכע קללה איז נישט געווען צוליעב דעם זייגעריל וואס איז ביי איהם טייער געווען, חלילה וחס צו גלייבען אזא זאך אויף דעם צדיק און יודען-פריינד, נור זיין געבייזער מיט דער קללה איז נור געווען וועגען זיין חרטמה אויף דעם זייגעריל מחמת ער האט מורא געהאט, טאמער חתמ'עט זיך ווער אונטער זיין נאמען אויף אזא זאך וואס ריהרט אן און מלכות קען דאך דערפון ארויסקומען ח"ו א סכנה פאר א רבים, אויף דעם איז געווען זיין כעס] זיין זכות זאל מגין זיין אויף אלע יודען, אמן

## ח

# נאך א מעשה פון הרה״ק פון אפטא זצ״ל.

### די מעשה האב איך געהערט פון דעם שו״ב פון זינקאוויץ.

איינמאל איז דער שו״ב געווען ביים הרה״ק פון אפטא זצ״ל, איז אריינגעקומען א בכבוד׳ער סוחר און האט איהם אבגעגעבען א קוויטעל פון עניך מסחר, ער איז געשטאנען פון דערווייטענס, און ער האט געזעהען אז וואס דער הרה״ק ענטפערט איהם אויף זיין ביטע איז דעם סוחר נישט ניחא, און וויל אלץ אז דער הרה״ק זאל מסכים זיין מיט זיין דעה, אבער דער רב האט נישט מסכים געווען צו איהם און די ווערטער האט דער שו״ב געהערט וואס דער הרה״ק האט געזאגט דעם סוחר, איהר דארפט וויסען, אז ווען איך שטעה אויף אין דערפריה און איך בין מיך מטהר און הייליג מיינע צוויי הונדערט און אכט אונפיערציג איברים, און דריי הונדערט פינף און זעכציג אדערען, ווען איינער קומט דעמאלט ביי מיר פרעגען איין עצה, זאל ער וויסען, אז עס איז אזוי פונקט, ווי ער װאלט געפרעגט ביי דעם אורים=ותומים, און איהר ווילט איך זאל איינשטומען צו אייער דעה? ניין! נור אזוי ווי איך זאג אייך אזוי וועט בלייבען.

## ט.

# נאך א מעשה נורא פון הרה״ק פון אפטא זצ״ל.

מען האט זיך א מאל געזשאלעוועט און בעקלאגט פאר׳ן הרה״ק אויף דעם גרויסען ארימקייט פון דער שטאדט, און יעדעס מאל האט דער רב געטרייסט די שטאדט און האט פאר זיי מתפלל געווען, אז די שטאדט זאל נישט זיין אין דחקות, איין מאהל איז אים נעגאנגען אין דער שטאדט א מגפה (עפידעמיע) רחמנא ליצלן זענען פיעל שטאדט=לייט געקומען פאר׳ן הרה״ק מיט זייער ביטער הארץ אז נישט גענוג, וואס זיי האבען נישט פרנסה איז נאך אויף זיי אן געקומען א מגפה זיי האבען איהם געגעבען א קוויטעל, דער הרה״ק האט געלייענט דאס קוויטעל, האט ער באלד דאס קוויטעל אוועקגעלעגט פון זיין האנד, און האט אראב=גענומען די ברילען פון זיינע אויגען און אנגעהויבען זיי אויס פיצען מיט די פאטשיילע ודאס איז שוין געווען אבעוואוסטער מנהג ביים הרה״ק זצ״ל, אז אויב און מיטען לייענען אקוויטעל האט ער אנגעפוצט

זײַנע ברילען, איז אַ סימן אַז אויף דעם מענש רוהט דער דין. דערנאָך האָט ער זיך צוריק אָנגעטוהן די ברילען און האָט אַ צווייט מאָל געלייענט דאָס קוויטעל. דערנאָך האָט ער ווייטער אַוועקגעלייגט דאָס קוויטעל און זיי דאָס צווייטע מאָל אָנגעפוצט, אַזוי איז אויך געווען צום דריטען מאָל, אַלע וואָס האָבען דאָס צוגעזעהען, האָבען פערשטאַנען אַז דער הרה״ק האָט דאָ אַגרויסע אַרבייט. דער רב האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען און געזאָגט זיי מיט געוויין, אוי וועה! איך זעה די צוזאַמענשטעלונג פון די אותיות „מות״ (וואָס בעטייט „טויט״) און אַזוי האָט דער רבי געוויינט מעהר ווי אַ שעה צייט, אַלע זענען דערציטערט געוואָרען. פּלוצלונג האָט זיך דער הרה״ק צו זיי געווענדעט מיט שמחה און געזאָגט, געלויבט איז גאָט ב״ה, וואָס האָט מיר צוגעשיקט נאָך איין אות צו דעם וואָרט „מות״, און מיט דעם וועט שוין אַלעס ווערען איבערגעדרעהט צום גוטען. יעצט וועט צוקומען דאָס אות „ע׳״ וועט עס מאַכען „מעות״ (געלד) אַז גאָט ב״ה, וועט פערבײַשען די מגפה אויף אַגוטע פרנסה, און עס איז טאַקע אַזוי געשעהען, די מגפה האָט תיכף אויפגעהערט און גאָט ב״ה האָט זיי צו געשיקט אַגוטע פרנסה.

# אַ מעשה נפלא פון קאָזעניצ׳ר מגיד זצ״ל.

ה״ר צבי הירש ראַפּאַפּאָרט דער משמש פון טשאָרטקאָווער רבי׳ן האָט מיר דערצעהלט אַז ער האָט די מעשה געהערט פון טשאָרטקאָווער רבי׳ן שליט״א:

אַנ׳ אַרענדאַר האָט געפלעגט אָפטמאָל פאָהרען צום קאָזניצער מגיד זצ״ל, און אין דעם איינעם דאָרף ווי דער יוד האָט געהאַלטען די אַרענדע. האָט זיין פּריץ געהאַט אַ דערוואַקסענע טאָכטער וואָס איז געווען שטום, נור זי האָט געהאַט איין גוטען געהער, דער פּריץ האָט שוין געטוהן אַלעס וואָס אַלע גרעסטע דאָקטוירים האָבען איהם געהייסען נור עס האָט גאָר נישט געהאָלפען, איין יוד האָט דעם פּריץ דערצעהלט אַז אין קאָזניץ געפינט זיך. אַ רבי וואָס ער בעווייזט „מופתים״ און העלפט אַלעמען, האָט ער איהם אַ עצה געגעבען ער זאָל פאָהרען צו זיין אַרענדאַר און איהם זאָגען ער זאָל תיכף פאָהרען צום קאָזניצער מגיד וועגען זיין טאָכטער וועט ער געוויס ברענגען אַ היילונג, כן הוה, דער פּריץ איז געפאָהרען צום אַרענדאַר, און האָט אויף איהם גוזר געווען ער מיז תיכף פאָהרען צום רבי׳ן פון קאָזניץ ברענגען אַרפואה פיר זיין שטומע טאָכטער און אויב נישט זאָגט ער איהם אַב פון די

אַרענדע, דער אַרענדאַר האָט געמוזט פאָלגען דעם פריץ'ס בעפעהל און איז געפאָהרען צום קאָזעניצער מגיד זצ"ל, מיט אַגרויס געוויין אז ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען. ער זאָל נישט פערליערען די פרנסה ביים פריץ, דעריבער זאָל ער בענטשען דעם פריץ'ס טאָכטער, זי זאָל קענען רעדען. וועט עס נאָך זיין אַקידוש=השם, ווי געוויינ= טליך האָט דער מגיד זצ"ל ערפילט זיין בקשה ער האָט זיך געהייסען ברענגען בורשטין און האָט דאָס אָבגעשפּראָכען, און האָט דעם בורשטין געגעבען דעם אַרענדאַר, ער זאָל דאָס די שטומע טאָכטער אָנטוהען אויף דעם האַלז אַזוי ווי קרעלען, און זאָל דאָס קיינמאָל נישט אויסטוהען און דורכדעם וועט זי אָנהויבען צו רעדען.

דער אַרענדאַר איז פרעהליך אַהיים געפאָהרען און האָט איבער געגעבען זיין פריץ דעם בורשטין. און האָט איהם דערצעהלט, אז דער רבי האָט דעם בורשטין אָבגעשפּראָכען, און געהייסען געהען די טאָכטער אין דעם בורשטין אַזוי ווי קרעלען און דורך דעם וועט זי אָנהויבען רעדען, כן הוה די טאָכטער האָט זיך אָנגעטוהן אויף דעם האַלז דעם בורשטין און זי האָט אָנגעהויבען רעדען גלייך מיט אַלע מענשען. מען קאָן אַליין פערשטעהען ווי דער פריץ האָט זיך שטאַרק געפרעהט און פאַר גרויס שמחה האָט ער געמאַכט אַגרויס=ארטיגען באַל פאַר אַלע אַרומיגע פריצים און גלחים זיינע גוטע פריינד, דער פריץ האָט די געסט דערצעהלט ווי דער קאָזניצער מגיד זצ"ל, האָט איהם געשיקט דעם אָבגעשפּראָכענעם בורשטין וואָס דורך דעם האָט זיין טאָכטער אָנגעהויבען רעדען, אַלע געסט זענען פון דעם נייעס שטאַרק בעוואונ= דערט געוואָרען. איין גלח אַגרויסער יודען=פיינד האָט איהם די זאַך פערדראָסען, היתכן. אַז עפּיס אַליאַדע יודעל זאָל בעווייזען אַזאַ מופת וואָס אַלע גרויסע דאָקטוירים האָבען נישט געקענט בעווייזען, און פאַר קנאה, האָט ער בעשלאָסען ביי זיך און האָט צוגעגנב'ט דעם בורשטין און תיכף איז דעם פריץ'ס טאָכטער צום צווייטען מאָל שטום געוואָרען, מען האָט דעם בורשטין און דער גאַנצער שטוב אַרומגעזוכט און מען האָט איהם נישט געפינען, דער איז געוואָרען שטאַרק טרוי- עריג, ער האָט געשיקט רופען דעם אַרענדאַר צום צווייטען מאָל און האָט אויף איהם גוזר געווען ער זאָל תיכף פאָהרען קיין קאָזניץ צום רבי'ן ער זאָל איהם געבען אַנדערע אָבגעשפּראָכענע בורשטינען און אויב נישט אויב ער וועט איהם נישט פאָלגען וועט ער איהם מעניש זיין מיט געלד און מיט'ן גוף דער אַרענדאַר האָט געמוזט מקיים זיין דעם פריץ'ס בעפעהל און איז געפאָרען דאָס צווייטע מאָל קיין קאָזניץ און שטאַרק געוויינט און געבעטען פאַר'ן מגיד זצ"ל ער זאָל איהם געבען אַנדערע אָבגעשפּראָכענע בורשטינען אויב נישט שטעהט ער מיט זיין גאַנץ הויז=געזינד און אַגרויס געפאַהר דער מגיד זצ"ל האָט איהם געזאָגט אַזוי; נאָך אַמאָל אָבצושפּרעכען אויף אַנדערע בורשטינען

דאָס איז אַזאַך וואָס איז אונמעגליך, נור איבער גרוים רחמנות וואָס איך האָב אויף דיר און דײַן גאַנצע פאַמיליע, וועל איך דיר דאָס טוהן און זאָגען, ווי די פריהערדיגע בורשטינען וואָס זענען געגנ'בט געוואָרען געפינען זיך, דו זאָלסט וויסען, אַז די בורשטינען האָט געגנב'ט דער און דער גלח וואָס איז אַ שונא־ישראל און האָט זיי געלעגט אין דעם און דעם אָרט. און דער מגיד ז"ל האָט איהם געזאָגט געוויסע סימנים ווי זיי ליגען זאָל דער פריץ זיי דאָרטען זוכען וועט ער זיי געוויס געפינען און זײַן טאָכטער זאָל זיי אָנטוהן וועט זי ווידער קענען רעדען, און פון יעצט אָן זאָל ער שוין זײַן פאָרזיכטיג די בורשטינען צו היטען, כן הוה, דער אַרענדאַר איז געקומען צום פריץ און האָט איהם פון דעם אַלעס דער־צעהלט, דער פריץ איז געגאַנגען מיט זײַנע קאָזאַקען זוכען די בורשטינען און האָט זיי גלײַך געפינען אויף דער זעלבען אָרט ווי דער קאָזניצער מגיד זצ"ל האָט אָנגעצייכענט, די טאָכטער האָט זיי אָנגעטוהן און זי האָט ווײַטער אָנגעהויבען רעדען ווי יעדער מענש. זײַן זכות זאָל אויף אונז אַלע מגין זײַן אמן.

## יא.

# אַ מעשה נורא פון הרה"ק פון טשאָרטקוב זצ"ל.

די מעשה האָט דערצעהלט המופלג הנכבד הרצ"ה נ"י שטערינבערג, דעם שו"ב ה"ר זוסיא ב"ר שאול באָרינשטײַן מיט די ווערטער.

די ערשטע טעג פסח בין איך געוועזען בײַ מיר אין דער היים, אין בוטשאַטש, און אויף חול המועד פסח בין איך געפאָהרען נאָך טשאָרטקאָוו, ווען איך בין צוגעקומען נאָהענ'ט צו מײַן אכסניא, און דער רבי איז געשטאַנען בײַ זײַן פענסטער האָט ער געזעהען מיך פאָהרען, האָט ער געשיקט מיך רופען, איך בין תיכף צו איהם גע־גאַנגען, און ווען איך בין געקומען צו איהם אין שטוב האָט ער מיר שלום געגעבען און האָט מיך געפרעגט וואָס הערט זיך אין בוטשאַטש איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, האָב איך געשוויגען פרעגט ער מיך נאָך אַמאָל וואָס הערט זיך אין בוטשאַטש, האָב איך מיך דערמאַנט אָן דעם נײַעס וואָס איך האָב געזעהען אַז מען פלאַס־טערט אוים די גאַסען מיט שטיינער האָב איך געענטפערט דעם הרה"ק, מען רייניגט די שטאָדט, מען פלאַסטערט די גאַסען האָט דער רב גע־זאָגט, אַזוי! מען רייניגט שוין בוטשאַטש? דערנאָך האָט דער רב

מיך געפרעגט, האָבען זיי אמונה אין בעש"ט הקדוש? האָב איך גע־ענטפערט ניין, זיי האָבען נישט קיין אמונה אין בעש"ט ז"ל, דער רב איז פון דעם נאָך נישט נתפעל געוואָרען, און ער האָט מיר ווייטער געפרעגט אין האר"י הקדוש האָבען זיי אמונה? האָב איך געענטפערט אַז ניין, זיי האָבען אין איהם נישט קיין אמונה, האָט מיר דער רב ווייטער געפרעגט, אין זוהר הקדוש האָבען זיי אמונה? האָב איך געענטפערט; אין זוהר גלויבען זיי אַבּיסעל. האָט מיך דער רבי ווייטער געפרעגט, און אין רבי שמעון בן יוחאי האָבען זיי אמונה? האָב איך געענטפערט יאָ, אין ר' שמעון בן יוחאי גלויבען זיי, ווייל ער איז אַ תנא און זיי האָבען אמונה אין אַ תנא האָט מיר דער רב געזאָגט די ווערטער, פאַר וואָס זאָלען זיי נישט גלויבען אַז בדור הזה געפינט זיך אַזאַ צדיק וואָס האָט זיך אוים געאַרבּייט אַזוי ווי ר' שמעון בן יוחאי? איך זאָג אייך קלאָהר, אַז אין דעם דור געפינט זיך אויך אַזאַ צדיק וואָס האָט זיך אויסגעאַרבּייט אַזוי ווי ר' שמעון בן יוחאי זצ"ל אַז דער הרה"צ האָט געהערט די מעשה האָט ער געזאָגט אַז דאָס האָט דער טשאָרטקאָווער ז"ל געזאָגט אויף זיך, וואָרום ווען ער וואָלט געווען נעוואוסט אַז אין דעם דור געפינט זיך אַזאַ צדיק וואָס איז גלייך צו ר' שמעון בן יוחאי וואָלט ער געוועזען געווים צו איהם געפאָהרען.

# יב.

## אַ זעהר אינטערעסאַנטע מעשה וועגען מקדש זיין די לבנה

דער הרב הגאון ר' זלמן דער רב פון דער שטאָדט קאָמניין האָט דערצעהלט די מעשה נוראה.

אין דער שטאָדט סטאַמבול, די הויפּטשטאָדט פון טערקיי איז דער סולטאַן איין מאָל געזעסען אין זיין פּאַלאַץ תחילת נאַכט און פון גאַניק דערזעהען ווי די יודען זענען מקדש די לבנה. און זיי האָבען מסתמא נישט געזעהן ווי דער סולטאַן שטעהט אויפ'ן גאַניק און זיי האָבען הויך געשריגען דריי מאָל. „דוד מלך ישראל חי וקים" („דער יודישער מלך דוד לעבט נאָך") דער סולטאַן האָט דאָס אַלעס אויסגעהערט און עס האָט איהם זעהר פערדראָסען אויף זיי מחמת לויט זייערע רייד זעהט אוים ווי זיי זענען מורד אין מלכות פון טערקיי; ווייל זיי זאָגען אַז נור דוד איז דער יודישער מלך און נישט דער סולטאַן צו מאָרגען'ס האָט ער געשיקט רופען צו זיך די פאָהרשטעהר פון די יודען און האָט צו

## אַ אינטערעסאַנטע מעשה וועגן לבנה מקדש זײַן.

זײַ אַזױ געזאָגט. נעכטען בײַנאַכט האָב איך געהערט װי איהר זאָגט; „דוד מלך ישראל חי וקים” װײַזט זיך דאָך אויס, אַז דוד איז אַייער מלך און נישט איך זענט איהר דאָך מורדים אין מלכות טערקײַ, און די פראַװע זאָגט. אַז אַ מורד במלכות קומט אַרױס צוטרײַבען פון דער מדינה און זײַן גאַנץ פערמעגען געהער צום מלכות, נור איך װעל מיט אײַך דעם חסד טוהן, װאָס איך װעל אײַך דערױף צײַט געבען אַ גאַנץ יאָהר איהר זאָלט מיר װײַזען פערזענליך אײַער קעניג דוד, אויב איך װעל איהם זעהען איז גוט און אויב נישט איז אײַער משפט שוין בעשטימט װי איך האָב אײַך געזאָגט פריהער זײַ האָבען זיך פערענטפערט אַז זענען נישט חלילה=וחס קײַן מורדים במלכות, נור דער נוסח איז אַזוי צו זאָגען אָבער זײַער גאַנץ פערענטפערונג האָט גאָר נישט געהאָלפען, און האָט זײַ מיט גרוים כעס געהײסען געהען

די גאַנצע געמײַנדע האָבען געמאַכט אַנאַסיפה עפּיס צו טראַכ=טען װעגען דעם אַנ׳עצה װײַל זײַ האָבען אײַנגעזעהען, אַז זײַ געפינען זיך אין אַגרױסע צרה און זײַ האָבען בעשלאָסען גוזר תענית צו זײַן און אויסגעקליבען צװישען זיך צװײַ קלוגע מענשען און זײַ מיט געגעבען אַבריעף מיט חתימות פון דער גאַנצע געמײַנדע אין װעלכען זײַ דערצעהלען די גזרה פון כּלפּאַן אויף אַלע יודען אין טערקײַ און די צװײַ מענשען זאָלען אַרום פאָהרען אין אַלע מדינות צו די צדיקים אפשר װעט װער פון די צדיקים קענען זײַ העלפען, די שליחים האָבען זיך געלאָזט רײַזען פון שטאָדט צו שטאָדט אין פון מדינה צו מדינה און אין יעדע שטאָדט װאו זײַ האָבען אָבגעשטאַנען זענען זײַ געגאַנגען צום דאָרטיגען רב אין געװיזען איהם דעם בריעף און דער רב האָט אויך זײַן שטע=מפּעל געלעגט אויף דעם בריעף עדות צו זאָגען אויף די פריהערדיגע רבנים׳ס חתימות און זײַ זענען װײַטער געפאָהרען ביז זײַ זענען געקומען קײַן ירושלים דער דאָרטיגער רב איז געװען אַגרױסער צדיק און אַגאון

דער רב האָט זײַ געזאָגט, אַז זײַ זאָלען דאָ צו װאַרטען בײַ איהם עטליכע טאָג ער װעט מתפּלל צו זײַן מען זאָל איהם פון הימעל מגלה זײַן עפּיס אַ ריכטיגע עצה דערצו, כן הוה, דער רב האָט געפאַסט אַ תענית און דורכ׳ן חלום האָט מען איהם פון הימעל מגלה געװען אַז די שליחים זאָלען פאָהרען קײַן לוז און פון דאָרטען װעט צו זײַ קומען די ישועה, די שליחים זענען װײַטער געפאָהרען ביז זײַ האָבען שוין דערהערט אַז זײַ זענען נאָהנט צו דער שטאָדט לוז און זײַ זענען אָנגעקומען נאָך דער לאַנגער רײַזע קײַן לוז, תיכף זענען זײַ גע=גאַנגען צום לוזער רב און האָבען איהם געװיזען אַלע בריעף און איהם דערצעהלט אַז פון הימעל האָט מען מגלה געװען דעם ירושלים׳ער רב אַז פון לוז װעט זײַער הילף קומען האָט זײַ דער רב געענטפערט איהר זאָלט װיסען אַז די שטאָדט הײסט „ניט=לוז” און איך בין נישט

כבח איך צו העלפען אין עפּיס אין דאָס וואָס מען האָט מגלה געווען וועגען לוז, איז די מיינונג געווען אויף אַלט „לוז" וואָס איז געבען דער שטאָדט אָבער איהר דאַרפט וויסען אַז אַרײַנצוקומען אין דער דאָזיגער שטאָדט איז אונמעגליך יעדען לעבעדיגען מענשען, ווײַל זי איז אַרומגערינגעלט מיט אַ פעסטער מויער און קיינער קען נישט דאָרט אַרײַנקומען און קיינער געהט פון דאָרט נישט אַרויס. נור דער וואָס האָט אַ זכיה פון הימעל דאָרט אַרײַנקצוקומען עפענט זיך פֿאַר דעם מענש אַ לעכעל אין אַ דיקען ניסען=בוים וועלכער שטעהט פאַר דער שטאָדט, און די גרייס פון דעם לעכיל איז אַזוי ווי אַקליין טהירעל און דורך דעם אויבן קומט דער מענטש וואָס האָט אַ זכיה אין דער שטאָדט אַרײַן. און איידער דער מענש געהט אין דער שטאָדט אַרײַן, דאַרף ער פריהער זיך טובל'ן אין דער מקוה וועלכע געפינט זיך דאָרט בײַ דעם ניסען=בוים דער רב האָט מיט געשיקט זײַן'ס אַ שליח צו ווײַזען זיי דעם בוים מיט די מקוה.

די שליחים זענען דאָרט אַהין געקומען און זענען זיך געגאַנגען טובל זײַן אין דער מקוה אָבער ווי דערשראָקען זענען זיי געוואָרען, ווען זיי האָבען דערזעהען אַז די מקוה איז פּועל מיט שלאַנגען און עגדיסען און זייערע פּיסקעס שטעקען אַרויס פון וואַסער, איינער פון די שלוחים האָט זיך אײַנגעשטעלט און גענומען אויף זיך מוסר נפש צו זײַן צו אָפּפּערען זיך פאַר'ן כלל ישראל און האָט געשווינד פון זיך אַראָב געוואָרפען זײַנע מלבושים און איז אַרײַנגעשפּרינגען אין דער מקוה אַרײַן און זיך דאָרט טובל געווען. און מיט גאָט'ס הילף האָבען איהם די שלאַנגען און עגדיסען גאָר נישט געטוהן און ער האָט זיך צוריק אָנגעטוהן דער צווייטער שליח האָט זיך מורא געהאַט צו טובל'ן אין דער מקוה, בײדע שליחים האָבען זיך אַנידערגעזעצט נעבען דעם ניסען=בוים און האָבען דאָרט מתפלל געווען און געזאָגט תהלים און גיבעטען בײַ גאָט ב"ה אַז דער בוים זאָל זיך פאַר זיי עפענען, כן הוה עס איז טאַקע אַזוי געווען, עס איז איינער געקומען און האָט זיי געעפענט אַקליין טהירעלע אין בוים און געזאָגט. ווער עס האָט זיך טובל געווען אין דער מקוה דער קאָן אַרײַנגעהען און דער וואָס האָט זיך נישט טובל געווען. דער האָט נישט קיין זכיה אַרײַנצוגעהען דער שליח וואָס האָט זיך טובל געווען איז דורך דעם טהירעלע אַרײַנגעגאַנגען אין דער שטאָדט אַרײַן און דער צווייטער שליח איז געבליבען אין דרויסען בײַם ניסען=בוים מחמת ווען ער האָט אויך געוואָלט אַרײַנגעהען האָט זיך די טהיר פערהאַקט דער מענש וואָס האָט געעפענט כאַר דעם צווייטען שליח דאָס טהירעל האָט איהם געפיהרט אין רב'ס ישיבה אַרײַן און גייענדיג אַזוי אין וועג האָט ער געזעהען ווי איין אַלטער מאַן געהט אין דער שטאָדט און ווײַנט האָט ער געפרעגט דעם אַלטען זאָגט מיר פאַרוואָס ווײַנט איהר ? האָט

אַלטער געענטפערט, מיין פאָטער האָט מיך געשלאָגען, ווייל איך האָב איהם נישט געוואָלט צו וויעגען, האָט דער שליח איהם געפרעגט, ווי אַלט זענט איהר, האָט דער אַלטער איהם געענטפערט, פיער הונדערט יאָהר, און אייער פאָטער ווי אַלט איז? פינף הונדערט יאָהר, און וויפיעל איז אייער זיידע אַלט? זיבען הונדערט יאָהר, דער שליח האָט זיך דערויף שטאַרק געוואונדערט און ער איז ווייטער גיגאַנגען ביז ער איז געקומען אין רב'ס ישיבה, ער האָט דאָרט געזעהען ווי אַסך אַלטע און יונגע מענשען זיצען אין דער ישיבה און לערנען, מען האָט איהם שלום געגעבען און איהם געפרעגט די סבה פון זיין קומען דאָ אַהער ער האָט זיי דערצעהלט דעם גאַנצען ענין און געוויזען אַלע בריעף אויך דעם חלום פון ירושלים'ער רב, אַז פון דאַנען וועט קומען די הילף, און דערצעהלט זיי די גרויסע בעמיהונגען זיינע און דאָס איינשטעלעניש ביז ער איז דאָ אַהערגעקומען און עס איז שוין פאַריבער עטליכע חדשים וואָס דער סולטאַן האָט געגעבען צייט און אַלע יודען פון מערקב שטעהען אין אַגרויסער סכנה דער שליח האָט זיי געפרעגט ווי איז דער רב צו דערצעהלען איהם זיין בקשה, האָבען זיי איהם געענטפערט וויסען דאַרפט איהר אונזער רב לעבט נישט קיין נאַטירליך לעבען אַזוי ווי יעדער מענש פון אונז נור אַגייסטליכעס, אַ איבער־נאַטירליכעס אַ גאַנץ יאָהר שלאָפט ער אין זיין צימער נור איין טאָג אין יאָהר וואַכט ער אויף און תיכף ווי ער שטעהט נור אויף פון זיין שלאָף ברענגט איהם דער משמש וואַסער צו וואַשען און ער הייבט זיך אויף פון בעט און מיר תלמידים פון דער ישיבה, קומען אַריין צו איהם און יעדער פרעגט איהם וואָס ער דאַרף. און ער ענטפערט אויף אַלעם סיי אין ענין פון לערנען סיי אין אַנדערע זאַכען און ווי נור דער טאָג ענדיגט זיך ווערט ער צוריק אַנטשלאָפען אויף אַגאַנץ יאָהר, און יעצט איז הערשט אַפיערטעל יאָהר ווי ער שלאָפט איז לויט רעכנונג דאַרף ער נאָך שלאָפען דריי פירטעל יאָהר מיר טהאָרען איהם אָבער נישט אויפוועקען אויסער איבער אַנעפאַהר פון אַרבים, לויט ווי איהר דער־צעהלט אונז, און עס קען נאָר מעגליך זיין אַז ער אַליין וועט ערוואַכען פון זיין שלאָף. אויב דער פאַל וועט פאָרקומען קאָנען מיר אייך די טובה טוהן אַז איהר וועט זיין דער ערשטער וועלכער וועט צו איהם אַריינגעהען און פאַר איהם פאָרלעגען אייער פערלאַנג און רעדען מיט איהם אַלעס נויטיגעס.

דער שליח האָט דאָס אַלעס אויס געהערט און ער האָט אָנגעהויבען מתפלל צו זיין פאַר גאָט ב"ה, ער זאָל זיך דערבאַרמען אויף כלל ישראל אַז דער רב זאָל ערוואַכען פון זיין יעהריגען שלאָף מחמת עס איז נישטאָ קיין צייט צו וואַרטען, עס איז טאַקע אַזוי געשעהען. דער רב האָט זיך פלוצלונג ערוואַכט פון זיין שלאָף דער משמש האָט תיכף געברענגט וואַסער פאַר'ן רב, מיט וועלכען דער רב האָט זיך די

הענד געוואַשען דער שליח איז דער ערשטער אַריינגעגאַנגען צום רב אַזוי ווי די ישיבה=תלמידים האָבען איהם געהאַט צוגעזאָגט און פון איהם שלום גענומען, ער האָט פאַר דעם הייליגען רב דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, און האָט איהם געוויזען אַלע בריף און איהם דערצעהלט אַז פון הימעל האָט מען מגלה געווען דעם ירושלים׳ער רב אַז פון דאַנען וועט זייער ישועה קומען, אַלעס האָט ער איהם דערצעהלט, דער רב האָט געענטפערט דעם שליח, דו דאַרפסט שוין מעהר נישט וויינען, איך רעכען אַז דו וועסט דאָ געהאָלפען ווערען מיט דער גאַנצער הילף איך וועל מיט דיר מיט שיקען אַ שליח צו דוד המלך ע״ה און הערך דעם וועט קומען די הילף, און ווען דו וועסט אַהין קומען צו דוד המלך זאָלסט דו איהם זאָגען אין מיין נאָמען ער זאָל מיר עפּיס שיקען צו דערקוויקען דאָס הארץ מחמת עס איז שוין פאַריבער אַלאַנגע צייט וואָס ער האָט מיר גאָר נישט געשיקט, האָט דער שליח געזאָגט צום רב איך בעט אייך, זאָגט מיר אייער נאָמען כדי איך זאָל וויסען צו זאָגען דוד המלך ווער עס האָט מיך צו איהם געשיקט. האָט ער איהם געזאָגט איך בין עירא היאירי דוד המלך׳ס חבר, כן הוה דער רב האָט מיט געשיקט מיט איהם אַ מענש ער זאָל איהם פיהרען צו דוד המלך׳ס הייל, און עס האָט נישט געדויערט קיין לאַנגע צייט ווי זיי זענען צוגעקומען צו דער הייל, דער שליח האָט געוואַרט אין דרויסען פון דער הייל, עס זאָל זיך עפענען מיט גאָט׳ס הילף אַטהירעל און דער הייל ער זאָל קאָנען דאָרט אַריינגעהען, תיכף האָט שלמה המלך ע״ה געעפענט דו טהיר פון דער הייל און האָט גערופען דעם שליח ער זאָל אַראָנגעהען ווי דער שליח איז אַריינגעגאַנגען אין דער הייל איז אויף איהם אָנגעפאַלען אַ גרויסע מורא און פחד, און האָט געזעהען ווי דוד המלך ע״ה ליגט אויפ׳ן בעט ווי אַ שלאָפענדער, און פאַר׳ן בעבעל שטעהעט אַ גין=גאָלדענער טיש און אויפ׳ן טיש ליגט זיין קרוין דער שליח האָט זיך גענייגט און געבוקט פאַר דוד המלך ע״ה מיט גרויס ציטערניש און איהם אויסדערצעהלט זיין ביטער הארץ, ווי די יודען אין טערקיי זענען אין אַ גרויסע צרה און עס וואָלט שוין צייט געווען, זיי זאָלען געהאָלפען ווערען האָט איהם דוד המלך געענטפערט, ווינט נישט איך בין פערזיכערט מיט גאָט׳ס הילף אַז די טערקישע יודען וועלען ניצול ווערען פון דער גזרה, און ער האָט איהם געגעבען איין עפעל און געזאָגט צו איהם נעם דעם גן=עדן=עפעל און צוטייל איהם אויף 4 טהיילען, איין פערטעל נעם דיר דאָס צווייטע פערטעל זאָלסט דו געבען עירא היאירי אַזוי ווי ער האָט דאָס פון מיר פערלאַנגט, דאָס דריטע פערטעל זאָלסט דו געבען דיין צווייטען חבר וועלכער וואַרט אויף דיר אונטער דער שטאָדט לוז און דאָס לעצטע פערטעל זאָלסט דו געבען דעם טערקישען סולטאַן און יעצט קאָנסט געהען מיט שלום נישט מורא צוהאָבען אין פאַרכטען פאַר קיינעם.

דער שליח איז ארויסגעגאנגען פון דער הייל מיט גרויס שמחה, דער בעגלייטער פון לוז האט אויף איהם אין דרויסען געווארט זיי ביידע זענען צוריק געקומען קיין לוז ער האט איבערגעגעבען דעם רב דאס פערטעל עפעל וואס דוד המלך ע"ה האט פאר איהם געגעבען און איז ארויסגעגאנגען פון לוז אהיים צו געהען, אונטער לוז האט ער געטראפען זיין חבר וועלכער האט נאך אויף איהם געווארט ביידע שליחים זענען ווי אם שנעלסטען אנגעקומען קיין סטאמבול, און ווי נור זיי זענען אנגעקומען אהיים האבען זיי אלע יודען מודיע געווען אז זיי האבען געבראנגט פאר זיי א הילף, תיכף זענען זיי געגאנגען צום סולטאנ'ס הויף, ווי זיי זענען אנגעקומען און הויף האבען זיי זיך געמאלדען ביי דעם סולטאנ'ס שומרים אז זיי זאלען מעלדען דעם סולטאן אז יודישע פארשטעהער ווילען זיך מיט איהם זעהען און די זעלבע מינוט האט דער סולטאן פלוצלונג געחלש'ט, דעם סולטאנ'ס לייבדאקטאר האט ווי געוועהנליך אנגעווענדען אלע מיטלען איהם צו דערמינטערען ביז ער האט איהם דערמינטערט, ווען עס איז דעם סולטאן אביסעל בעסער געווארען האט ער געהייסען אז די יודישע פארשטעהער זאלען שוין ארייננקומען צו איהם די 2 שליחים זענען ארייגעקומען צום סולטאן דער סולטאן האט זיי באלד געפרעגט ווי איז דאס פערטעלע עפעל וואס איהר האט פאר מיר געבראנגט וואס דוד המלך האט פאר מיינעטוועגען געשיקט? תיכף האבען זיי איהם איבערגעגעבען דאס פערטעלע עפעל וואס דוד המלך ע"ה האט זיי געגעבען פאר'ן סולטאן ער האט דאס צוגענומען מיט פיעל שמחה און האט מבטל געמאכט די גזרה אין דאס וואס דער סולטאן האט געחלש'ט איז געווען מחמת דעם אז בשעת ווען די שליחים זענען אנגעקומען און סולטאנ'ס הויף האט זיך דוד המלך ע"ה בעוויזען צום סולטאן אין האט איהם געזאגט אז ער האט געשיקט דורך די 2 יודישע שליחים א פערטעל גן-עדן-עפעל פאר זיינעטוועגען ער זאל האבען מיט וואס צו ערקוויקען זיין לייב, און מחמת די גרויס ליכטיגקייט און שטראהלענדיג פנים פון דוד המלך ע"ה איז ער דערשראקען געווארען און געפאלען אין חלשות, דערנאך ווען ער איז געווארען דערמינטערט האט ער פערלאנגט זיין חלק גן-עדן-עפעל וואס דוד המלך ע"ה האט איהם געשיקט און דאן האט ער ערשט געזעהען, אז די יודען זענען גערעכט ווען זיי זאגען דוד מלך ישראל חי וקים. און דעריבער האט ער תיכף בטל געמאכט די גזרה.

## י"ג.

# א מעשה נפלא פון הרה"ק ר' מענדעלי רומאנאווער זצ"ל.

דער גאון הרב ר' יעקילי ז"ל דער בעל=המחבר פון „מלוא= הרועים" האט איין מאל געהאלטען שבת ביי ר' מענדעלי ראמאנאווער זצ"ל, ווען ער האט זיך אפ געזעגענט מיט'ן רבי ר' מענדעל'ע זצ"ל איז ער אויך אריינגעגאנגען צו דער רביצע'ן צו געזעגענען זיך מיט איהר אויך האט דער גאון פערלאנגט פון איהר זי זאל איהם דערצעהלען עפיס אזאך פון איהר מאן וואס זי ווייס און זי האט איהם ערצעהלט 3 וואונדערליכע זאכען

א) איינמאל פרייטאג אין דער פריה האב איך נאך נאר ניט געהאט אויף שבת איך האב גוט געוואוסט ביי זיך אז מיין מאן האט נישט קיין פרוטה איך בין געזעסען פערזארגט און פערטרויערט, פלוצלונג איז געקומען עפיס איין מענש און האט מיין מאן געגעבען א פדיון פון 6 פיעס, ער האט גענומען דאס געלד און איז געגאנגען אין מרחץ אריין, דערנאך בין איך אריינגעגאנגען אין מאנ'ס צומער און האב געזוכט, אפשר וועל איך דארטען געפינען עפיס איין מטבע האב איך דערזעהען ליגען אונטערן טיש אזילבערנע מטבע אפערציגער, און פאר דעם פארציגער האב איך איינגעקויפט אלעס וואס מען דארף אויף שבת, אויך בראנפען און ווייז און האב דאס אלעס אויפגעשטעלט אויפ'ן טיש ווען מיין מאן איז צוריק געקומען פון מרחץ און האט געזעהען דעם בראנפען האט ער גענומען אקעלישעקיל און האט זיך אריינגעגאסען אביסעל בראנפען און קיינעם נישט געפרעגט, האב איך צו איהם געזאגט, פארוואס פרעגסטו דיך נישט פון וואנען האב איך אויף דעם גענומען, האט ער מיר געענטפערט, מסתמא האסט דו געפינען א מטבע אונטערען טיש, האב איך געענטפערט אמת מאקע, נאר עס איז מיר א וואונדער ווי קומט דארט אהין די מטבע? איך ווייס דאך, אז דו האסט גארנישט געהאט קיין געלד? האט ער מיר דערצעהלט אזוי ווען איך האב און דער פריה געלערנט איז צו מיר געקומען איין אוצר און האט מיך געבעטען איך זאל איהם נע= מען, איך האב אבער נישט געוואלט און מיטען לערנען מיך אראבבייגען אויף דער ערד איהם אויפהויבען נור אויב ער אליין וועט קומען צו מיר וועל איך איהם נעמען דערווייל בעט מיך דער אוצר, נאך אמאר איך זאל איהם נעהמען איך האב אבער נישט געווארט און בין בייז געווארען אויף איהם און פאר גרוים כעס האב איהם געגעבען אקאפע מיט די פוס ער זאל מיך אבלאזען דעריבער בין איך מיך מטער, אז דורך די קאפע וואס איך האב איהם געגעבען האט זיך ארויסגעקלייערט ת"צ זפערציגער

א פערציגער און איז געבליבען ליגען אינטער'ן טיש. האסטו איהם געפינען, איך האב נאך געזוכט און די"ר שטוב האב איך געפונען, און אוונקעל נאך 2 פערציגער.

ב) איינמאל איז מיר פארטוישט געווארען מיין מאנ'ס טאבאק אויף קאווע, מחמת די קאליר פון טאבאק איז אזוי שווארץ ווי קאווע איך האב דאס אנגעקאכט און געשטעלט פאר מיין מאן די קאווע צו טרינקען ער האט געטרינקען און גארנישט געזאגט איך האב מיך זעהר געוואונדערט ווי אזוי האט ער געקענט טרינקען אזא קאווע און נישט פיהלען דאס שארפקייט פון טאבאק, ווארום איך האב דערנאך געזעהען אז איך האב טאקע אנגעקאכט דעם טאבאק און די קאווע איז געשטאנען אין שענקעל.

ג) איינמאל אין דער פריה איז צו מיין מאן געקומען דער הרה"צ ה"ר משה פשעווארסקער זצ"ל מיין מאן האט זיך מיט איהם זעהר געפרעהט און ביידע זענען געגאנגען אין בית=המדרש אריין דאוונען זאגט צו מיר מיין מאן רבצ'ן קאך אונז א גוט אנבייסען מיר האבען א טייערען גאסט, איך בין געזעסען שטארק פערזארגט, ווייל און דער שטוב איז נישט געווען, נישט קיין שטיקעל ברויט, נישט קיין פלייש און נישט קיין האלץ אויף צו קאכען, אויך קיין וואסער איז נישט געווען אין דער שטוב. האב איך זיך מישב געווען און בין געגאנגען צו די שכנים בארגען זיך א כלי אויף וואסער און אין דער גאס אריין בין איך געגאנגען קלויבען שפענדליך, איך האב גענומען א פייער און דאס צוגעשטעלט אויפ'ן פייער פולע טעפ מיט וואסער און האב זיי צוגעדעקט כדי זיי זאלען הייס ווערען, איך האב גאנץ גוט גע= וואוסט אז אין די טעפ געפינט זיך נישט מעהר ווי בלויז וואסער ווען זיי זענען צוריק געקומען פון בית המדרש האט הרה"ק ר' משה געגעבען געלד אויף בראנפען און זיי האבען געטרונקען, מיין מאן ר' משה אין נאך מענשען וועלכע זענען מיט זיי געקומען זענען געווען פרעהליך און איך בין געזעסען אין דער קוך און האב געוויינט מחמת איך האב זיי גאר נישט צו געבען צום טיש, און דעם ריהפט זיך אב איינער פון מיין מאנס חסידים צו ר' משה אז ער ווייס אז ס'איז נישטא קיין ברויט אין מיין שטוב, תיכף האט ר' משה ארויסגענומען א פערציגער פון טאש און האט געגעבען מען זאל דערפאר קויפען ברויט, מען האט באלד געברענגט ברויט און איך בין נאך אלץ געשטאנען אין דער קוך און געוויינט, ווייל איך האב זיי נישט געהאט וואס צו געבען צו עסען אין אפאר מינוט ארום איז איינער פון ר' משה'ס מענשען אריינגעקומען אין דער קוך צו נעמען עפיס געקעכטס, דען זיי האבען גערעכענט מיך חושד צו זיין אז איך האב געקאכט נור ווייל זיי נישט געבען, און ווי גרויס איז מיין וואונדער געווען, אז אין די צוגעדעקטע טעפ

וואסער האבען זיי געפינען אבעזונדער מאכל אין יעדען טאפ יעדעס סארט געקעכטס איז געוועזען מיט געשמאק און ניט די אלע געקעכטסער האבען זיי דערלאנגט צום טיש און אלע זענען זאט געווארען דערפון און געבענשט און געלויבט גאט ב״ה, דער זכות פון די אלע צדיקים זאלען אויף אונז אלע מגין זיין אמן.

# יד.

# א מַעֲשֶׂה נִפְלָא פון הרה״ק פון רוזשין זצ״ל

די מעשה האט דערצעהלט החסיד המפורסם ה״ר סיני נ״י

איינער א בכבוד׳ער מענש איין לערנער פון רוסלאנד איז געקומען אויף יו״ט צום רוזשינער הרבי הקדוש. די חסידים זענען דאן געוועזען ביים רוזשינער׳ס זוהן, ה״ר „שלום יוסף״ זצ״ל, אלע חסידים האבען זיך דארט זעהר געפרעהט און געטאנצט און דער יונגער=מאן פון רוסלאנד האט זיך גאר נישט געפרעהט האט איהם ר׳ שלום יוסף זצ״ל געפרעגט פאר וואס זיצטו היינט אזוי טרויער׳ג, עס איז דאך היינט יום=טוב? האט איהם דער יונגער מאן געענטפערט ווי אזוי קען איך זיין פרעהליך אז קיין קינדער האב איך נישט אין מיין ווייב איז שוין אויף דער עלטער און איך בין איינזאם אין אליין היינט ווי אזוי קען איך זיין פרעהליך? האט איהם דער הרב ר׳ שלום יוסף ז״ל געענטפערט, דו ווייסט דאך מן הסתם, אז יעדען טאג פאהרט אונזער פאטער מיט איינעם פון אונזערע ברידער אביסעל אויפ׳ן פעלד. און מארגען וועט אויסקומען דער גורל מיר צו פאהרען מיט איהם, דעריבער איז מיין עצה דו זאלסט אונז נאכפאהרען אין וואלד נור זיין געווארענט, אז מיין פאטער זאל דיך נישט זעהען. ווארום ער איז דערויף שטארק מקפיד אין וואלד זאלסט דו שטעהען אין אבעהאלטען ארט מיין פאטער זאל דיך נישט זעהען, אין ווען דו וועסט בעמע־קען אז איך דרייה אוים מיין פנים צו דיר, דאן זאלסט דו תיכף פאר מיין פאטער קומען און איהם פארלייגען דיין בקשה, כן הוה, צו מארגען׳ס איז דער יונגער=מאן זיי נאכגעפאהרען אין האט זיך נישט געוויזען פאר׳ן הרב הקדוש, ווען ער איז געקומען אין וואלד אריין האט ער זיך בעהאלטען צווישען די ביימער דער רב זאל איהם נישט זעהען, פון דעם בעהעלטעניש האט דער יונגער=מאן געהערט ווי דער הרה״ק זאגט צו זיין זוהן ר׳ שלום

יוסף די ווערטער, „איך בין אַ חידוש בעולם״ איך זאָל וועלען וואָלט דער בוים איבערגעגאַנגען פון דאַנען אויף איין אַנדער אָרט; איך זאָל וועלען וואָלט דער באַרג איבערגעגאַנגען פון דאַנען אויף איין אַנדער אָרט, איך זאָל וועלען וואָלטען אַלע עקרות טראָגענדיג געוואָרען, אפילו דו ווייבער וואָס האָבען שוין נישט קיין סדר נשים, און ביי די ווערטער האָט דער ה״ר שלום יוסף ז״ל, דעם רוזשינער׳ס זוהן, זיך מיט׳ן קאָפּ אויסגעדרעהט צום יונגער=מאַן, וואָס איז געשטאַנען בעהאַלטען צווישען די בוימער. דער יונגער=מאַן איז באַלד מיט זיין בקשה געגאַנגען צום רבי׳ן און איהם געבעטען ער זאָל ערפילען זיין ביטע, דער רוזשינער זצ״ל האָט איהם געפרעגט וואָס ער פערלאַנגט, האָט דער יונגער מאַן אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען און געזאָגט! איהר ווייסט דאָך אַליין מיין געבעט און בקשה; איך האָב נישט קיין קינדער און מיין ווייב איז שוין אויף דער עלטער, זי פיהרט שוין מעהר נישט קיין סדר נשים, האָט איהם דער הרה״ק געענטפערט! גאָט זאָל דיר העלפען זאָלסט אין דיזען יאָהר געבענטשט ווערען מיט אַ זוהן, און ווען די וועסט האָבען אַ זוהן זאָלסט דו צו מיר קומען וועל איך איהם אַ נאָמען געבען, דער יונגער מאַן איז גלייך אַהיים געפאָהרען און זיין ווייב איז תיכף טראָגענדיג געוואָרען.

האָט זיך אָבער געטראָפען אַ מעשה, אַז מען האָט דעם הרה״ק אַרעסטירט און געבראַכט קיין קיעוו, דער יונגער מאַן, איז צוליעב דעם צופאַל אַרומגעגאַנגען מיט גרויס עגמת=נפש, מחמת ער וועט נישט האָבען די מעגליכקייט צו קומען צום רב הקדוש, ער זאָל איהם געבען אַ נאָמען, ווי ער האָט איהם געהייסען, נור ער האָט דאָס פאַר קיינעם נישט מגלה געווען, עס איז געקומען די צייט און זיין ווייב האָט אַ זוהן געהאַט, די גאַנצע שטאָדט איז פרעהליך געווען און ער איז געווען טרויעריג אַלע האָבען איהם וועגען דעם געפרעגט אָבער ער האָט קיינעם דערויף נישט געענטפערט, פרייטאָג צו נאַכט זענען צו איהם געקומען פיעל פון זיינע בעקאַנטע צו פרייען זיך אויף דעם בן=זכר נור דער בעל שמחה אַליין איז געווען טרויעריג, די געסט האָבען איהם געפרעגט פאַר וואָס ער איז אַזוי טרויעריג? האָט ער זיי נאָרנישט געענטפערט דערויף פאַר גרויס עגמת=נפש איז ער אַנדריי׳מעלט געוואָרען און שטאַרק איינגעשלאָפען. אין שלאָף האָט זיך איהם געחלומ׳ט ווי ער איז געקומען דעם הרה״ק פרעגען וועגען אַ נאָמען פאַר זיין זוהן און דער רבי האָט איהם געזאָגט. ער זאָל זיין זוהן אַ נאָמען געבען אַלטר נור אַזוי ווי דער נאָמען אַלטער איז דאָך קיין נאָמען נישט דעריבער האָט ער איהם געזאָגט, אַז בסוד זאָל ער איהם רופען ישראל ווי נור ער איז אויפגעקומען פון שלאָף האָט ער זיך דערמאַנט אָן חלום און איז תיכף מינטער געוואָרען פרעהליך ווען עס איז געקומען די צייט פון ברית ווען מען האָט שוין געהאַלטען ביים אַ נאָמען געבען זיין זוהן, האָט

דער פאָטער געזאָגט. אַלטער; און דער שטיל האָט ער פאַר זיך גע=
זאָגט. ישראל; אַלע וואָס זענען אויף דעם ברית געווען האָבען געשרי=
גען „אַלטער” איז דאָך נישט קיין נאָמען? נור „דער בעל=ברית” האָט זיי
געענטפערט וואָס געהט עס אייך אָהן! איך וויל אַזוי און אַזוי האָט
מען שוין גערופען דאָס קינד. אַלטער: מחמת מען האָט נישט געוואוסט
פון קיין צווייטען נאָמען, אין אַציט אַרום, ווען דער רב איז פון דער
תפיסה פריי געוואָרען, איז דער יונגער מאַן צו הרה״ק געפאָהרען און
זיין קוויטעל האָט ער אַריינגעשריבען דעם זוהנ׳ס נאָמען „אַלטער” ווי
אַלע פלעגען איהם רופען, און האָט גאָר אין גאַנצען פערגעסען אָן דעם
צווייטען נאָמען „ישראל” ווי דער רב הקדוש האָט דאָס קוויטעל געלייענט האָט
ער זיך צום יונגען מאַן אָנגערופען. דיין זוהן הייסט דאָך ישראל, זיין
זכות זאָל אונז אַלעמען בייִשטעהען אמן.

## כל אלמנה ויתום לא תענון (כב. כא). עס ווערט

דערציילט אויף ר׳ יעקב בערלין, דעם נצי״בס פאָטער, אַז די דינסט,
א יתומה, האָט אַמאָל געמאַכט א גרויסן שאָדן אין הויז און די
בעל־הביתטע האָט איר שטאַרק געזידלט, האָט עס ר׳ יעקב דער־
הערט און עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, האָט ער זיך אָנגערופן
צו זיין פרוי: הער אויס, מיין ווייב, זידלען איר האָסטו קיין רעכט
נישט, אויב דו ווילסט קענסטו איר רופן צו א דין־תורה. האָט די
פרוי מסכים געווען און זיך אָנגערופן צו דער דינסט: קום טו זיך
אָן און מירן גיין צום רב. ווען זיי זענען שוין געווען גרייט צו גיין,
זעען זיי, אַז ר׳ יעקב האָט זיך אויך אָנגעטאָן דעם מאַנטל און ער
איז אויך גרייט׳צו גיין מיט זיי. זאָגט די פרוי צו אים: דו דאַרפסט
זיך נישט מטריח זיין, איך וועל שוין אַליין וויסן, וואָס צו טענהן.

— אַז דו וועסט וויסן, וואָס צו טענהן, פאַרשטיי איך — האָט
ר׳ יעקב איר געענטפערט — דו מאַכסט אָבער א טעות, איך גיי
נישט טענהן פאַר דיר, איך גיי טענהן פאַר דער אָרימער יתומה,
זי וועט דאָך נישט וויסן, וואָס צו זאָגן און זי איז זייער דערשראָקן,
נעבעך

„את ד׳ אלקיך תירא — לרבות תלמידי חכמים” (ב״ק מא.
ב). אויך תלמידי חכמים דאַרפן מורא האָבן פאַר ג־ט...

(ר׳ אהרן קאַרלינער זי״ע)

---

דער רבי ר׳ בונים פון פשיסכע זי״ע פלעגט זאָגן, אַז עס איז
נישטאָ קיין גרעסערער קאַליקע, ווי דער, וואָס האַלט זיך פאַר א צדיק...

---

ר׳ מענדעלע ליובאַוויטשער זי״ע פלעגט זאָגן, אַז די ערגסטע
גאווה, איז די גאווה פון פרומקייט...

אַ געוויסער רבי איז אַמאָל געקומען צו אַ גרויסן גביר אים בעטן ער זאָל אַרויס העלפן זיינעם אַ קרוב, וועלכער איז זייער געד־ריקט. דער גביר האָט זיך געפונען אין אַ קלעם: פון איין זייט, האָט ער נישט געקענט אָפזאָגן דעם רבין, און פון דער צווייטער זייט, האָט זיך אים נישט געגלוסט צו עפענען דאָס בייטל, איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה און ער רופט זיך אָן צום רבין: עי, דעם־אַ מיינט איר? ער איז דאָך אַ וויטער קרוב און איך העלף נישט קיין וויטע קרובים... זאָגט צו אים דער רבי:

— איר דאַוונט יעדן טאָג?

— אַ שאלה — ענטפערט דער גביר.

— ווי אַזוי הויבט איר אָן די שמונה עשרה? — פרעגט ווייטער דער רבי.

— וואָס הייסט ווי אַזוי? אלקינו ואלקי אבותינו, אלקי אברהם וכו׳...

— אַזוי גאָר? — שרייט אויס דער רבי — ווי ווייט זענט איר דאָס פון אברהם אבינו, גאַנץ ווייט, האַ? אַ ווייטער קרוב, פונדעסטוועגן רופט איר אים צו הילף און אַז מען קומט צו אייך ענטפערט איר, אַז איר העלפט נישט קיין ווייטע קרובים...

דער אָסטראָווצער רבי הגאון וקדוש ר׳ מאיר יחיאל ז״ל איז געווען אַ מוראדיקער עניו. ווען ער האָט זיך אַמאָל באַגעגנט מיט דעם שר־התורה ר׳ חיים עוזר זצ״ל פון ווילנא, האָט ר׳ חיים עוזר אים געבעטן, ער זאָל עפּעס זאָגן. דער אָסטראָווצער, צוליב זיין ענוות, האָט נישט ליב געהאַט צו זאָגן חריפות אַזוי גלאַט, נאָר צוליב דער בקשה פון אַזאַ אדם גדול, ווי דער גאון ר׳ חיים עוזר האָט ער׳ געזאָגט אַ דבר חידוש. ר׳ חיים עוזר איז שטאַרק נתפעל געוואָרן, און אים געזאָגט: „איר זייט דאָך אַן אמתער גברא רבא. דער אָסטראָווצער — זייענדיק ווי געזאָגט אַן עניו — האָט שטיל געזאָגט: „מיט דעם איז מען נישט קיין גברא רבא״. „מיט וואָס דען״ — פרעגט פאַרוואונדערט רח״ע — „מיט אָראָפּנעמען ליידן פון אַ אידן״ — ענט־פערט דער אָסטראָווצער — אַ ראי׳ פון חז״ל. ווען די גמרא ברענגט (מכות י״ב ע״ב): אַ ראי׳ אַז אַ חכם איז מער ווי אַ ספר תורה באַגרינדן זיי עס פון מלקות: „דאילו בס״ת כתיב ארבעים ואתי רבנן ובצרי חדא״. איז דאָך שווער: דאָס זעלבע קען מען דאָך לערנען פון ספירה, אין דער תורה שטייט: „תספרו חמשים יום״, און די רבנן האָבן געזאָגט 49?

נאָר דאָרט ביי ספירה איז עס בלויז אַ גוטער פשט, אָבער ביי מלקות מאַכן די חכמים גרינגער פאַר אַ אידן, איז דערפאַר ווען מען וויל זען אַז דער תנא איז אַ גברא רבא מוז מען ברענגען אַ ראי׳ פון מלקות... (ועיין במהרש״א שם).

(שדה מרגליות)